חֻרְבַּן יְרוּשָׁלַיִם

היִסְטָארִישֶׁע אָפֶּערֶעטֶע אִין 5 אַקְטֶען.

תרס"ה

פון

פ לאטיינער.

יודישע
עאטער-ביבליאָטעק
№. 13.

די פּערזאָנען:

צִדְקִיָהוּ:	קעניג פון ירושלים
חַמוּטִיל:	זיין מוטער
הֲדַסָה:	זיין טאָכטער
יִשְׁמָעֵאל:	חמוטיל'ס פּלימעניק
גְדַלְיָהוּ בֶּן אֲחִיקָם:	גוּבערנער
צְפַנְיָהוּ:	4 אויסגעדינטע סאָלדאַטען
חֲנַנְיָהוּ:	
אֶלְיָקוּם:	
תַּנְחוּמוֹת:	
יִרְמְיָהוּ הַנָבִיא:	

פאָלק, סאָלדאַטען.

ערשטער אַקט.

זאל בייא קעניג צדקיהו. א טרעפ אראב צוגעהן צו א ווארענגרע.

האך לעבע צדקיהו אונזער קעניג, האך לעבע אונזער הייליג לאנד.
האך לעבען אונזערע העלדען בערימטע גאר אין א צאהל,
נבוכדנצר מלך בבל ציטערט פאר אונזערע קרעפטיגע האנד,
נידער מיט די כאלדעער, האך לעבע די גבורי ישראל!
(צדקיהו ערשיינט בעגליטעט פון גענערעלער).

אלע.

יחי המלך! יחי המלך! יחי המלך! הידד!

צדקיהו. (בעשטייגט דען טראָהן)

גאט מיט אייך געליבטע העלדען אייער מוטה איז מיר בעקאנט,
דאך איז די געפאהר צו גרויס, אייער ראטה לאסט הערען יעצט.
נבוכדנצר מלך בבל, וויל פערניכטען אונזער הייליג לאנד.
זאגט, זאלען מיר זיך אונטערגעבען, אדער קעמפפען ביז צו לעצט?

כהנים.

אונטערגעבען! פערלאהרען איז אונזער מוטה!

העלדען.

שווייגט איהר פאלשע כהנים! איהר רויבט אונזער מוטה!
קעמפפען מוזען מיר ביז צום לעצטען טראפען בלוט!

ירמיהו. (פון דרויסען)

נפלה עטרת ראשינו אוי נא לנו כי חטאנו.

אלע.

שרעקליך, די שטימע פון ירמיהו הנביא.

צדקיהו.

ברענגט איהם אַריין (מען פיהרט אריין ירמיזו'ן) דעם אמת וויל איך
פון דיר הערען יעצט אין אונזער גרויסען נויט.
אויף אונזער לאנד, אויף אונזער פאָלק, לאָז אונז הערען דעם
ווילען פון גאָט!

ירמיהו.

אָה צדקיהו, מיין קעניג, אונד איהר אַלע!
גאָטעס וואָרט פון מיר הערט:
וואָרום לאָזט איהר מיין פאָלק זאָ אונבאַרמהערציג
אום קומען דורך הונגער אונד שווערד.
נבוכדנצר מלך בבל מוז אייער הערשער זיין,
איהר וועט געגען איהם ניט באשטעהן.
ברענגט אייער האַלז אונטער זיין יאָך,
דאַמיט איהר זאָלט ניט צו גרונדע געהן.
וועט איהר אָבער ווייטער אַזוי האַרטנעקיג בלייבען געגען מיין ווילען;
זאָ וועל איך מיינע שרעקליכע בעשטימונג אויף אייך באַלד ערפיהלען.
כֹּה אָמַר ד׳ צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל:
שרעקליך ברענט מיין צאָרן פאַר אייערע זינד, אָהנע צאָהל.
פערברענען, פערניכטען, וועט נבוכדנצר דאָס גאַנצע לאַנד,
אומקומען וועלען אַלע ניעמאַנד ענטרינען פון זייער האַנד,
אונד דו צדקיהו וועלכער זיצט יעצט נאָך אויף דיין טראָהן
געפאַנגען אין שווערע קעטען ווירסטו באַלד געשלעפט נאָך בבילאָן.

העלדען.

האַלט איין קעניג, פאַלש איז אַלעס, ער איז איין בעטריגער,
דען מוטה אונז צו רויבען האָבען איהם געדונגען די כאַלדעער.

ירמיהו. (קניעט)

וועה איז דיר טאָכטער ירושלים,
עס איז שוין דיינע לעצטע שטונדע,
שוין זעה איך דאָס פייער ברענט דאָס היילינגטהום גאָטעס,
פרייד אייך אונזערע פיינדע.
לאַכט, מאַכט פון אונז געשפּאָט,
נָפְלָה עֲטֶרֶת ראשֵׁינוּ אוי נָא לָנוּ כִּי חָטָאנוּ.

אלע.

אַוועק פון דאַנען דו פאַלשער פערקויפער!
ער וויל אונז איבערגעבען צו די כאַלדעער,

הער איהם ניט קעניג, פֿאַר דיינע אויגען זאָל ער ניט קומען טעהר— ניעדער מיט נבוכדנצר! האָך לעבע צדקיהו! האָך לעבען די גבורי ישראל! יחי המלך! יחי המלך! (אב).

ישמאל.

חַ חַ חַ יחי המלך! דער קעניג צדקיהו זאָל לעבען. — יאַ יאַ מיין טהייערער קעניג, זאָלסט לעבען זאָ לאַנג ביז דו ווירסט מיט אַ קאָפּף קירצער ווערען. דו נאַרעשער צדקיהו! דו האָסט מיך פֿיר דיין טרייעסטען דיענער, פֿיר דיין קליינסטען ראַטהגעבער—געהאַלטען, אונד דו האָסט ניט געפֿיהלט דאָס מיין טרייע צו דיר וואַר נור אַ ג'עץ אין וועלכען איך האָב געזוכט דיך צו פֿאַנגען, דו האָסט מיין ראַטה געפֿאָלגט נעגען דעם קעניג נבוכדנצר צו רעוואָלוציאָנירען. ירושלים איז יעצט בעלאַגערט פֿון אַ אונגעהייערע גרויסע מאַכט פֿון כאַלדעער, היינט אָדער מאָרגען, פֿאַלען מוז עס, יאָ, פֿאַלען צוזאַמען מיט דעם קעניג צדקיהו, דאָס האָב איך געוואָלט.— ווארום האָט מען מיר די קרוין צו גענומען? איך ישמאל, איך בין דאָס עלטסטע אייניקעל פֿון יהושוע המלך, אונד נאָכדעם יהויכין איז געפֿאַנגען האָט די קעניגליכע קראָהנע געהערט צו מיר, נאָך איהם האָב איך געברויכט דעם קעניגליכען טראָהן בעשטייגען, אָבער מיין אָנקעל צדקיהו האָט פֿערשטאַנען ביי נבוכדנצר זיך איינצושמייכלען, דאָס ער האָט איהם מיינע קראָהנע אַוועק געגעבען. נאָר ציטערע דו לייכטזיניגער קעניג! 11 יאָהר זענען שוין פֿאָריבער זייט דו האָסט ביי מיר מיין רעכט וועק־גערויבט, אָבער שרעקליך וועט דיין ענדע זיין, זיטץ נאָך היינט פֿעסט אויף דיין שוואַכען טראָהן, זעטיג דיינע אויגען מיט דעם גלאַנץ פֿאָן דער געקויפֿטער קראָהנע; אָבער באַלד, זעהר באַלד ווירסטו זי ניט מעהר זעהען, מיינע ראַכע האָט ענדליך געזיעגט, נון אונד דו נבוכדנצר מלך בבל, גלויבסט דאָס דיך האָב איך ניט אין זינען געהאַט?! דו ווילדער מענשענפֿרעססער דו זאָלסט דיך אויך ניט פֿרייען פֿאַר דער צייט! בשעת דו גלויבסט אַז דו האָסט שוין גאַנץ יהודה איינגעשלונגען, וועט פלוצלונג הינטער דיין ריקען אויסוואַקסען אַ מעכטיגער פֿיינד, וועלכער וועט דיר דעם פֿעטען ביסען פֿון דיין מויל אַרויסרייסען צוזאַמען מיט דיינע צייגער! דאָס איז בעליס, דער קעניג פֿון עמון, ער איז איינגעגאַנגען אויף מיין פֿאָרשלאַג, דאָס מיר ביידע זאָלען זיך טהיילען דאָס לאַנד יהודה, ווען ער וועט מיר פֿערהעלפֿען די קראָהנע אויף מיין קאָפּף צו זעטצען. דאָס איז מיין איינציגעס שטרעבען, דער איינציגער צוועק פֿון מיין לעבען, איך וויל אונד מוז קעניג זיין! און זאָל מיר דאָס ניט געלונגען, טייפֿעל אונד העללע — זאָ זאָל אַלעס צו גרונדע געהן, דאָס שטאָלצע שעהנע ירושלים זאָל צו הויפֿען אַש פֿערוואַנדעלט ווערען, תהו ובהו זאָל ווערען פֿון גאַנצען לאַנד, האָב איך מיין רעכט פֿערלאָרען, זאָ זאָל גאַנץ יהודה פֿערלאָרען געהן, די קראָהנע איז מיינע, יאָ זי איז מיינע (אב).

(מוזיק שפיעלט פאָרווערטס.)

הדסה. (ערשיינט)

אײַנזאם בין איך געבליבען מיט קומער און שמערצען,
פערשוואונדען איז פון מיר יעדע רוהע, געליבטער פון מײַנעם הערצען.

וואו ביזט דו!? אך גדליהו וואו ביזט דו?

(זינגט.)

מיטען רוהיגער שטילער נאַכט,
ווען אַלץ רוהט אין זיסען שלאָף
ווען קיין לעבענד וועזען וואַכט,
הערט זיך דײַטליך אײַן ליבע רוף:
קום געליבטער! קום מײַן לעבען!
איך ערוואַרט פון דיר מײַן גליק
מיט איטע כחות וועל איך שטרעבען
דיך בײַ מיר צו זעהען צוריק
שרעק זיך ניט און קום שנעל צו מיר
ווײַל בענקען טהוט נאָך דיר מײַן הערץ,
קום נור קום איך וואַרט אויף דיר
מיט דיר צו טהײַלען פרײד און שמערץ.

II.

גרויסער גאָט מאַך מיך בעגליקען
ערבאַרם זיך איבער מײַן שמערץ,
זאָ־סט מיר מײַן גדליה צו שיקען
ער זאָל הײַלען מײַן פערוואונדעט הערץ.
זײַן שטימע הער איך אין טרוים
וואַרט מײַן ליבע, איך פליה צו דיר
פערליער קיין מוטה, איך קום, איך קום!
זאָגט מײַן הערץ שטענדיג אין מיר
שרעק זיך ניט און קום שנעל צו מיר
ווײַל בענקען טהוט נאָך דיר מײַן הערץ,
קום נור קום, איך וואַרט אויף דיר
מיט דיר צו טהײַלען פרײד און שמערץ.

(קעניגין חמוטיל ערשיינט).

חמוטיל.

הדסה!

הדסה.

אָה מײַן גרױסמוטער!

המוטיל.

איך האָב דיר געװיס געשטערט, ניִשט אָמת?!

הדסה.

געשטערט?!!

חמוטיל.

גאַנץ געװיס, װעה איך ניט אין דען דײַנע אויגען, דאָס דו האָסט שוין װידער פאַנטאַזירט פון דײַן געװעזענעס געליבטען? װילסטו נאָך אלץ ניט פערגעסען אָן יענעם פאַלשען קנעכט, גדליהו? מיר די אלטע קעניגין. דײַן טרײַע גראָסמוטער. ביסטו גאַנץ פרעמד געװאָרען, צו דײַן קעניגליכען פאָטער צדקיהו האָסטו דײַן גאַנצעס צוטרויען פערלוירען!! אָה דו פערפיהרטעס קינד! צוליעב װעמען טרעטסטו מיט די פיס דײַנע ליעבע עלטערן? צוליעב זאָ א געמײַנען שקלאַװען!!!

הדסה.

שטיל, גראָסמוטער! פאַר װאָס קומט איהם צו שימפּפען? איז דען נאָך װעניג דאָס אונרעכט װאָס עס איז איהם דורך אײַך געשעהען?

חמוטיל.

אונרעכט?!!

הדסה.

אײַן הימעל שרײַענדעס אונרעכט! װאָרום איז ער זאָ גרויזאַם בעשטראָפט געװאָרען, װאַר ער דען ניט בעליעבט בײַם גאַנצען פאָלק? האָט ער זיך װעניג בעריהמט געמאַכט דורך זײַנע העלדענטהאַטען? װאַר ניט דער נאָמען גדליהו בײַ יעדען געעהרט אונד געשעצט? אונד דאַפיר װאָס ער האָט אויך מײַן הערץ געװאָנען האָט איהם מײַן פאָטער אַלע זײַנע גיטער װעק גענאָמען. איהם װעק גענאָממען, פון די אַרמען זײַנער שטערבענדען מוטטער, אונד אין שװערע קײטען װעקגעשיקט נאָך בביליאָן אַלס אײַן שקלאַװע צו דעם קעניג נבוכדנצר, נון איך פרעג דיך גראָסמוטטער, האָט ער דאָס פערדיענט? װאָרום האָט איהר איהם זאָ אונבאַרמהערציג בעהאַנדעלט? װאַרום?! װאָרום?!!

חמוטיל.

װאַרום?! אײַנע שעהנע פראַגע װאַרום! װי האָט זאָ אײַנער געװאַגט זײַנע אויגען אויפצוהייבען צו דיר דעם קעניג צדקיהו'ס טאָכטער.

הדסה.

פערצייהע מיר גראָסמוטער! דו ביזט אין אירטהום, ניכט ער האָט מיינע אויגען צו מיר אויפגעהויבען, זאָנדערן איך... איך האָב מיינע אויגען צו איהם אויפגעהויבען!!

המוטיל.

ואָס???!!

הדסה.

אין מיינע אויגען שטעהט ער פיעל העכער אַלס איך!

המוטיל.

ואָס? וואָס פלוידערסטו? האָסטו רען פערגעסען ווער דו ביזט און ווער ער איז? דו איינע פרינצעסין, און ער! וואָס איז ער? בלויס איין איינפאַכער מענש אויס דעם פאָלק!..

הדסה.

בלויס איין איינפאַכער מענש אויס דעם פאָלק! און וואָס בין איך דען אַלס פרינצעסין? קען איך דען דאַדורך איין צוויי פאַכער מענש זיין; פון ווען האָט דאָס פאַטערלאַנד מעהר נוצען געהאַט? ווער האָט דאָס פאָלק מעהר געלייסטעט? איך, דאַמיט וואָס איך בין דעם קעניג צדקיהו'ס טאָכטער? אָדער ער, דאַמיט וואָס ער האָט מיט זיינען שווערד זאָ פיעל מאָהל דאָס פאָלק בעפרייעט פון פערשידענע פיינדע?

המוטיל.

דומהייטען! אונזין! וואָס קימערט מיך וואָס ער האָט פאַר'ן פאָלק געטהון. ווער עס שטאַמט ניט פון קעניגליכע פאַמיליע, דער איז גאַר ניטט!

הדסה.

נאָר קיין מענש ניט?!

המוטיל.

אָה מיין ליעבעס קינד, ווען דו עסט ענדליך קאָממען צור איבערצייגונג דאָס די הויפט ראָללע שפיעלט דער קעניג אונד מיר אַלע, וועלכע האָבען קעניגליכעס בלוט, אָבער דאָס פאָלק... הם... דאָס איז בלויז נעבען זאַכע!..

הדסה.

אָה מיינע ליעבע גראָסמוטער! ווען ווערסטו ענדליך קאָממען צו דער איבערצייגונג דאָס אַלעס, וואָס דו האָסט דאָ געשפּראָכען איז ניט זאָ?

חמוטיל.

וואס?! האבען מיינע אויערען רעכט געהערט? דו, דעם קעניגס טאכטער, וואגסט עס?

הדסה.

איך, דעם קעניגס טאכטער, וואג עס!

המוטיל. (ברעכט די הענד)

וועה צו מיינע אלטע יאהרען! וואס האב איך ערלעבט צו הערען? װאס זאגסטו? וואס פלוידערסטו? ניין מיין הדסה, דו ביזט פערפיהרט! אונד שולדיג איז דעם איז נור יענער קנעכט גדליהו, אוי! איך האב מיט דיר מעהר נישט וואס צו רעדען, דו ביזט פערפיהרט! דו ביזט פערפיהרט! (אב)

הדסה.

ווי וועה אונד ביטער איז ווען מאן מוז זיך בעקלאגען אויף זאלכע פערהאנגען, וועלכע די פפליכט הייסט ליעבען אונד רעספעקטירען, דיעזע אלטע, זי איז זא וויט פערנארט אין איהר יהוס, דאס זי בעטראכטעט זיך פאר דער ווירכטיגסטער פערזאן אויף גאטעס ערד און אלע אנדערע מענשען זענען בלויז פאר איהר בעשאפען, אך גדליהו! דו עדלער העלד! וואס האט דיר גענוצט דאס דו האסט פאר דיינע ברידער זא פיעל מאל דיין בלוט פערגאסען? וואס וואר דער לאהן פאר דיינע העלדענטהאטען? איינע גרויזאמע בעהאנדלונג פון דיינעם קעניג? 3 יאהר זענען שוין פאריבער זייט יענעם שרעקליכען טאג, אבער מיין שמערץ איז נאך היינט עבען זא גרויס ווי דאמאלס... ניין, גדליהו, איך ווערדע דיך ניט פערגעסען, ביז מיין לעצטען אויגענבליק.— דיין נאמען בלייבט ביי מיר איין הייליגטהום, און ווען איך וועל ברעכען מיין שבועה צו דיר, זאל מיין הערץ פריהער ברעכען!

(אויפטריט צפניה).

צפניה.

אה ניין פרינצעסען בעהיטע גאט, דיין הערץ איזט צו עדעל, צו גוט, עס זאל ניט ברעכען, עס דארף ניט ברעכען (הוסט).

הדסה.

ווער ביזטו?

צפניה. (שמעהם מיליטעריש)

פרינצעסין! דערקענסטו ניט דעם אלטען אויסגעדינטען סאלדאט?

הדסה.

צפניה ?!!!

צפניה.

ריכטיג, מײַנע גוטע פרינצעסין איך בין עס דער אלטער צפניה אײַנער פון גדליהו'ס טרײַעסטע דינער, אײַנער וואס איך וואלט געגעבען מײַן גרויען קאפף אבצושנײַדען, פאר גדליהו'ס מינדעסטען פינגער, אײַנער וואס איך...

הדסה.

ש, ש... נענוג מײַן ליעבער אלטער, דו רעגסט דיך צופיעל אויף! ערצעהלע מיר וועגען וואס ביזטו געקאמען אהער?

צפניה.

איך בין א שליח פרינצעסין, איך האב דיר געבראכט אײַנע גוטע פרעהליכע נאכריכט דאס דײַן גדליהו, דאס הײַסט מײַן גדליהו, איך מײַן אונזער גדליהו...

הדסה.

נון וואס? וואס גדליהו?

צפניה.

גדליהו לעבט און איז פרײַ.

הדסה.

וואס זאגסטו?!

צפניה.

יא ער לעבט אונד איז פרײַ.

הדסה.

פרײַ?! וואו? וואו איז ער?!!

(אויפטריט גדליהו).

גדליה.

היער בײַ דײַנע פיעס, קניע איך!

הדסה.

גדליהו!!!

גדליה.

הדסה!!! (אומארמונג)

הדסה.

מַיין גדליהו! דו לֶעבּסט אונד דו בּיזט ווידער געבּען מיר!!

גדליה.

היִמלישע הדסה, דו ליעבּסט מיך נאָך דיִ פריהער?

הדסה.

האָסטו דען דאראַן געצווייפעלט? (אומאַרמונג)

צפניה.

צפניה, מַיין ליעבּער אלטיטשקער! דו הערסט פון וואָס דאָ ווערט געשפראָכען? פערשטעה אַליין וואָס דו האָסט צו טהוען, (קאָמאַנדירט) האָבּט אַכט, רעכט אום! מאַרשירען, מאַרש! אָט-אָט (אַב).

גדליהו.

טהַייערע הדסה! דו האָסט געליטען, איך זעה עס, דיין שענעס געזיכט איז איבּערגעצויגען מיט טרויער. יאָ, פערגעסען וויר איך וואָס איך האָבּ דורך דיין פאַטער געליטען, ווייל איך האָבּ יעצט ווידער די ליעבּע פון זיין היִמלישער טאָכטער!!

הדסה.

בּיז מַיין טוידט!! יאַ גדליהו, וועהרענד דער גאַנצער צייט, בשעת דו בּיזט ניט דאָ געבּען מיר געוועזען האָט מיך דיין בּליק קיין אויגען-בּליק פערלאָזען, וואַכענד ווי אויך אין טרוים, האָבּען אימער דיינע ליעבּע אויגען אַריינגעבּליקט צו מיר אין מַיין פערוואונדעט הערץ, אָבּער דערצעהל מיר גדליהו, ווי אַזוי האָט דיך נבוכדנצר פריי געלאָזט?

גדליהו.

דער בּאַרמהערציגער גאָט האָט דאָס הערץ פון דעם בּאַבּילאָנישען קעניג נבוכדנצר ערפיהלט מיט מיטלייד אונד גנאַדע און ער האָט מיך בּעפרייט, בּין איך אַהער געקאָמען אום מיט דיין פאַטער צו שפּרעכען.

הדסה.

מיט מַיין פאַטער?!!

גדליהו.

יאָ, איך מוז איהם איבּערצייגען, וועלכע שרעקליכע געפאַהר עס שוועבּט איבּער זיין קאָפּף אונד איבּער אונזער גאַנצע נאַציאָן, ער מוז שנעל עפענען די טהויערען פון ירושלים זיך וואַרפען פאַר די פיִעסע פון נבוכדנצר אונד זיך איהם בּיטען אויף גנאַדע. דאָס איז דאָס איינציגע

מִטעל, דיִעזעס גרויסע אומגליק צו פערהיִטען:

הדסה.

אָה גדליהו! ווי שנעל דו האָסט פערגעסען מײַן פאָטערס איבער־נאַטירליכען עהרגײַץ!

גדליהו.

עהרגײַץ?! ווען עס האַנדעלט זיך איינע גאַנצע נאַציאָן פון אונ־טערגאַנג צו רעטען רעדעסט דו פון עהר־גײַץ?

הדסה.

דער הייליגער נביא ירמיהו האָט שוין דארויף געגוג טרעהרען פער־גאָסען, אָבער מײַן פאָטער אונד די שלעכטע בײזע ראַטהגעבער האָבען איהם אויסגעלאַכט אונד פערשפּאָטעט, אָה גדליהו! דו האָסט דײַן לעבען אומזיסט געוואַגט, אַנשטאַט דו זאָלסט עפּעס וואָס אויס־ווירקען ווערסטו נאָך בעהיטע גאָט דײַן לעבען פערליערען, דו מוזט פאָרט! רעט זיך שנעל! בעפאָר יעמאַנד ווירד דיך דאָ דערקאָנען. רעטע דײַן טהײַערעס לעבען, מײַן גדליהו, רעטע דיך!

גדליהו.

וואָס זאָגסטו הדסה? איך זאָל מיך רעטען?! דענקסטו דאָס נאָך דעם ציונ׳ס ליכט ווערט זײַן פערלאָשען ווער איך נאָך זעהען די ליכטיגע וועלט?! נײן, דאָ צוזאַמען מיט דעם בלוט פון מײַנע ברידער זאָל אויך מײַן בלוט רינען, איידער צו לעבען ווי איין פירסט אויף פרעמדע ערד איז מיר ליעבער צו שטערבען אויף די ערד פון מײַן הייליגעס פאַטערלאַנד!

הדסה.

אונד הדסה צוזאַמען מיט איהר אויסערוועהלטען איהרעס הערצענס. קײן זאַך זאָל אונז מעהר ניט שײדען, ניכט איין מאָהל דער טוידט.

(אומארמען זיך, זינגען דועט).

הדסה.

איך שווער בײַ דעם אַלמעכטיגען גאָט
אַז הייליג בלײַבט מיר דײַן געבאָט
איך בלײַב דיר אַ קניכט אַ געטרײַער
און פאַר דיר לויף איך אין פײַער,
איך וועל ניט בלײַבען רוהיג און שטיל
ביז איך וועל ערגרײַכען אונזער ציעל
אויך מײַנע יאָהרען כײַן גאַנץ לעבען
איז נאָר פיר דײַן בעפעהל איבערגענעבען

גדליהו.

און איך שווער ביי דעם גרויסען גאָט
אז איך בלייב דיר טריי ביז אין מיין טויט
אונז צי שיידען איז ניעמאַנד אימשטאַנד
נאָר גאָט אַליין מיט זיין שטאַרקע האַנד
געדולדיג וועל איך ערוואַרטען די צייט
ביז איך וועל בעזיגען דעם פיינד
צוליעב דיר מיין ענגעל מיין גאַנץ לעבען
טראָג איך אַלעם געפאַהר ערגעבען.

דועט.

גאָט זאָל אונזער שבועה דערהערען
און זאָל זיין אָמן זאָגען דערביי
קיין זאַך זאָל אונזער פלאַן ניט שטערען
מיר בלייבען זיך עוויג טריי. (אומארמונג)

(חמוטיל ערשיינט),

חמוטיל.

אָה וועה! וואָס זעהען מיינע אויגען?

הדסה.

מיין גראָסמוטער!

גדליהו

קעניגין!

חמוטיל.

וועק פון מיר, דו פאַלשער קנעכט, דו שענדליכער פעררעטער! ווי האָסטו געוואָגט? וואַכע! וואַכע!

(אויפטריט סאָלדאַטען).

אלע.

אָה וואָס זעהען מיר, זאָלען מיר גלויבען וואָס אונזערע אויגען זעהען, גדליהו בן אחיקם צוריק, וואָס פאַר אַ וואונדער איז מיט איהם געשעהן.

(אויפטריט צדקיהו).

צדקיהו.

נידערטרעכטיגער שקלאַוו! ווי האָסטו יעצט געוואָגט? אויב דו ווילסט וועניגסטענס מיט אַ לייכטען טוידט שטערבען, געשטעה די וואַהרהייט מיר, וואָס האָט דיך הער געבראַכט, זאַגע ארויס! זאָגסט וועהע דיר!

גדליהו.

פֿערצײַהע מיר קעניג וואָס איך האַב געװאַנט.
דיר צו ערשײַנען נעגען דײַן פֿערדאַכט!
געטריבען האָט מיך הער צו מײַן פֿאַטערלאַנד די שרעקליכע נויטה,
איך קום פֿון פֿײַנדליכען לאַגער פֿון נבוכדנצר, אָה שטאַרק איז זײַנע מאַכט.
פֿערלוירען מײַן קעניג איז יעדע האָפֿנונג באָר).
פֿערשפּילט האָסטו די שלאַכט
צערשמעטערט צערבראָכען ביז צו דער ערדע
פֿערניכטען װירד אונז אַלע די כאַלדעאישע שווערד
(שטורם הינטער די קוליסען).

אלע. (ערשראָקען)

הערט! וואָס זאָל דאָס בעדײַטען?

צדקיהו.

אײַן יובל נעשרײַ פֿון אונזערע העלדען די העברעער.

גדליהו.

אָה נײַן עס זינד אונזערע פֿײַנדע די כאַלדעער

ירמיהו. (ווילד אַריין)

געפֿאַלען איז ירושלים, פֿון פֿלאַמען פֿײַער פֿערברענט,
פֿערניכטעט װערען צױנס קינדער, פֿערצעהרט, פֿון נבוכדנצר'ס שאַרפֿע שווערד.

אלע.

אָה וועה איז אונז! וואָס הערען מיר?

צדקיהו.

גרײַפֿט אַלע צום שווערד געשווינד.

אלע. (ווילען ציהען די שווערדען)

געשווינד! געשווינד!

ירמיהו.

אומזאָנסט! זעהט אונזער חורבן, זעהט.

אלע. (פֿאַלען)

וועה איז אונז וועה!

(עס צײַגט זיך אַ בילד פֿון חורבן ירושלים).

פֿאָרהאַנג.

צְוֵייטֶער אַקְט.

(די ביהנע שטעלט פאר א נארטען רעבעס פון גדליהו'ס הויז).

כאָר.

(זינגט) נור סומה געפאסט, די האָפנונג ניט פערליערען,
אָה, ברודער, נאָט פערלאַסט אונז ניט, ער שיקט אונז זיינע הילפע ווידער.
גדליהו בן אחיקם, נאָט זעגנע איהם מיט גליק,
אונזער העלד. אונזער רעטער איז ווידער ביי אונז צוריק,
אונזערע פיינדע, די עמונים, האָט ער געמאַכט צו שאַנד אונד צו שפאָט,
גדליהו אונזער העלד! אונזער העלד! זאָל לעבען לאַנג! הֵידָד!!

ירמיהו. (פון דרויסען).

נפלה עטרת ראשנו, אוי נא לנו כי חטאנו.

אלע.

העָרט, העָרט דאָרט איז ירמיהו! (אַלע גהען אַנטקעגען).

ירמיהו.

ניין, אומזאָנסט שטרענגע איך מיר אָן מיינע אויגען, איך קאָן ניט זעהען. די טויזענדער ביטערע טרעהרען, וואָס איך האָב פערגאָסען איבער דאָס אונגליק פון מיין פאָלק, האָבען מיך ביינאַהע אונגליקליך געמאַכט, זאָגט מיר גוטע מענשען וואו בין איך? ביי וועם? בין איך צווישען מיינע ברידער?

צפניה.

יאָ, הייליגער פראָפעהט, היער ביזטו אויף דעם באַרג מצפה צווישען דעם פאָלק ישראל.

ירמיהו.

דיעזע שטימע איז מיר ניט פרעמד, ווער רעדט עס צו מיר?

צפניה.

גֶעטליכֶער מאַנן! עֶרקעֶנסטו דעֶן ניט מעֶהר דייַן אלטעֶן סאָלראַט, צפניה?

ירמיהו.

ליעבעֶר גוטעֶר אַלטעֶר פֿרייַנד, דו ביזט עֶס! (אומאַרמונג). אויך דו ביזט נאָך צווישעֶן די לעֶבעֶדיגעֶ, וואָס דעֶר באַרמהעֶרציגעֶר גאָט האָט צוריק געֶלאָזען, נאָך דעֶם גרויסעֶן חורבן? אונד דיינעֶ איבריגעֶ 3 ברידעֶר לעֶבעֶן דאָ נאָך?

אלע 3.

יאָ, חייליגעֶר פּראָפּעֶהט, אויך מיר לעֶבעֶן.

ירמיהו. (אומאַרמט זיי).

אַזוי בין איך צווישעֶן לויטעֶר גוטעֶ פֿריינד, גוטעֶר גאָט, איך דאַנק דיר פֿאַר דיעזעֶן טרייסט.

צפניה.

דו קומסט פֿון ירושלים? וואָס טהוט זיך יעֶצט דאָרט? ווי מוז עֶס יעֶצט אויסזעֶהעֶן?

ירמיהו.

ירושלים (וויינט), אונגליקליך ירושלים! איך האָב דיין גרויסעֶן חורבן פֿאָראויס געֶזעֶהעֶן, דאָס בית המקדש, דעֶר קדשי קדשים, איז פֿעֶרברעֶנט, צעֶשטעֶרט ביז צום גרונד, דעֶר באַרג ציון, די גאַסעֶן פֿון ירושלים זעֶנעֶן פֿעֶרפֿלייצט פֿון טוידטעֶ קעֶרפּעֶר, וועֶלכעֶ דאָס פֿיינדליכעֶ שווערד האָט געֶשלאַכטעֶט, די עֶרד איז ניט גרויס געֶנוג, אום אַלעֶ טויטעֶ קעֶרפּעֶר צו עֶמפֿאַנגעֶן; דאָרט אויף די אַרמעֶן פֿון זיין יונגעֶן זוהן ליגט דעֶר אַלטעֶר פֿאָטעֶר, די פֿרוי איבעֶר דעֶם קעֶרפּעֶר פֿון איהר מאַן, דאָס זייגעֶנדיגעֶ קינד אויף דעֶר ברוסט פֿון זיין מוטעֶר, צושטאָכעֶן, צושניטעֶן, צעֶרטרעֶטעֶן, אָה, פֿליסט מיינעֶ טרעֶהרעֶן! רינט אונד הערט ניט אויף... אונגליקליך איז בת ציון!

צפניה.

הייליגעֶר פּראָפּעֶהט! זאָלעֶן מיר יעֶצט האָפֿעֶן, דאָס אונזעֶר פֿרומעֶר העֶלד גדליהו איז דעֶר גוטעֶר שליח פֿון גאָט און דורך זיין הצלה וועֶלעֶן מיר ווידעֶר געֶהאָלפֿעֶן ווערעֶן?

ירמיהו.

גדליהו?! פֿיהרט מיך צו איהם, איך וויל איהם זעֶהעֶן.

צפניה.

ער איז יעצט ניט היער, אבער, מיר ערווארטען איהם יעדען אויגענבליק אלם זיעגער.

ירמיהו.

זיעגער?

צפניה.

געוויס, האסטו ניט געהערט פון דעם גרויסען געיעג, וואס ער האט געמאכט באלד נאך ישראל'ם פאלען, זעה דעם פאראד, וואס מיר האבען איהם צו עהרע געמאכט.

ירמיהו.

וואס פאר א זיעג? וועלכען פיינד האט ער בעזיעגט?

צפניה.

די בני עמון. בעליס, דער קעניג פון עמון האט געוואלט נוצען ציהען פון אונזער אונגליק, אבער גדליהו, אונזער עדעלער בעשיצער האט ערהערט דאס געשריי פון זיינע שוואכע ברידער אונד שנעל ווי איין שטורם איז ער מיט זיינע לייט ארויפגעפאלען אויף די מערדערישע באנדע פון די עמונים, דעם גרעסטען טהייל פון זיי האט ער טוידט צו דער ערדע נידערגעשמעטערט, די איבריגע האט ער צוטריבען, יא הייליגער פראפעהט, דאס פאלק ישראל הייבט שוין ווידער זיין קאפ אויף, נאך האט ער זיינע ביינער ניט אויסגעגליכען פון דעם גרויסען שלאג, וואס ער האט ערשט בעקומען אונד שוין פייערט ער היינטע זיין ערשטען זיעג!

ירמיהו.

עמון! זיי פערפלוכטעט פון גאט! וויל ישראל איז ביז צו דער ערדע געפאלען, שטרעקסטו אוים דיין שווערד געגען זיינע פערוואונדעטע ברוסט? וויל ישראל ריהרט זיך ניט, האלטסט דו איהם שוין פאר טוידט אונד ווילסט זיין טוידטען קערפער אויף שטיקער צערייסען? אה, ניין! ישראל איז נאך ניט טוידט. פערוואונדעט איז ער, נור הערט איהר, דאס זיין פאטער אין הימעל האט איהם נור געשלאגען אבער ניט געטיידעט, מיין יעקב לעבט און ווירד לעבען, זא שפריכט דיין גאט! דיין הערר!

אלע.

הייליגער מאנן! (קושען איהם).

ירמיהו (זינגט).

פערגיעסט נישט מעהר קיין טרעהרען,

פערגיעסט נישט קיין געוויין,

דײַן װײנען און דײַן קלאָגען האָט ער דערהערט אַצינד.
ער װעט אונז שױן ניט שטראָפען מעהר,
יאַ. ניט שטראָפען מעהר
זײַן יעקב, זײַן געליעבטעס פאָלק. (פאַר ביס).
(מען הערט אַ טראָמפּעטען שאַל).

צפניה.

אונזער העלד גדליהו איז שױן ניט װײַט, נור מוטה געפאַסט!
פאַר פאַנגט אָן זינגען.
(כאָר) נור מוטה געפאַסט.
די האָפנונג ניט פערליערען, אָה ברודער גאָט פערלאָזט אונז ניט.
ער שיקט אונז זײַן הילף װידער, גדליהו אונזער העלד זאָל לעבען לאַנג! לעבען לאַנג! הידר! הידר! (אַלע אָב).

אױפטריט ישמאל געפענטעט.

ישמעאל.

ענדליך איז מיר געלונגען פון זײַערע הענד צו ענטרינען, יעצט בין איך פון זײַערע אױגען פערשװאונדען, זײַ זעהען מיך שױן ניט מעהר! אַך װי מיעד איך בין פון דעם פיעלען לױפען! פערפ' וכטע כאַלדרעער! געפאַנגען האָט איהר מיך, נאָך בבל האָט איהר מיך געװאָלט שלעפּען צוזאַמען מיט דעם אונגליקליכען צדקיהו! אָה נײַן נבוכדנצר! דו װילדער טיראַן! זאָ אײַן טריאומפף זאָלסטו ניט דערלעבען, ישמאל איז װידער פרײַ און לאַכט פון דיר. (שטימען אונטער קוליסען).

שטימען.

דאָרט מיט יענעם װעג.

ישמעאל.

װאָס איז דאָס? אָה מײַנע פערפאָלגער, די כאַלדעער, זײַ יאָגען מיך נאָך, זײַ קאָמען היער הער! װעה װאָס זאָל איך יעצט טהוען? װײַטער לױפען קען איך ניט מעהר, איך בין צו מיעד (רײַסט די קײטען), נײַן אונמעגליך, זײַ זענען שױן גאַנץ נאהע. איך מוס מיך אירגענד װי פערשטעקען, אָבער װאו? אין דיעזעם הױז פיליײַכט? נאָר זײַ װערדען מיך היער געװיס זוכען, אָה אױף דיעזעם בױם (אָב).

שראצר. (מיט כאַלדעאישע סאָלדאַטען),

היער הער, מיט דיעזען װעג איז ער געלאָפען, דאָ איז ער פלוצלינג פון אונזערע אױגען פערשװאונדען, ער ליגט געװיס ערגעץ־װאו פערשטעקט (זוכט איבעראַלל).

צפניה.

וועהט איהר, מײַנע ברידער, האָב איך אײַך געזאָגט, דאָס איך האָב בעמערקט פֿון ווײַטען כאַלדעאישע סאָלדאַטען לויפֿען אַהער! מיר מוזען זיך ערקונדיגען.

שראצר.

העט קומט נור... איך בין שַׂרְאֶצֶר, איין כאַלדעאישער קאָמענדאַנט. אונד אין נאמען זײַנער מאַיעסטעט אונזערעס גרויסען הערשער נבוכדנצר פֿערלאַנגע איך פֿון אײַך איהר זאָלט מיר אויף אַלעס ענטפֿערן, אָבער נור די וואהרהײַט! איהר הערט?

אלע 4.

צום בעפֿעהל הער קאָמענדאַנט יאָ (מיליטעריש).

שראצר.

זאָ זאָגט מיר וואו ליגט ישמאל בן נתניה פֿערשטעקט!

אלע 4.

ישמאל?!

שראצר.

יאָ, דער פּרינץ פֿון אײַער געוועזענעם קעניג צדקיהו'ס פֿאַמיליע. מיר האָבען איהם געפֿאַנגען צוזאַמען מיט צדקיהו, שוין זענען מיר אויף דעם וועג דמשק אום די געפֿאַנגענע היער צו פֿיהרען, האָט זיך ישמאל אַרויסגעריסען, מיר האָבען איהם פֿערפֿאָלגט ביז אַהער, אָבער אויף דיעזען פּלאַץ איז ער פּלוצלינג פֿון אונזערע אויגען פֿערשוואונדען, איך בין איבערצייגט, דאָס ער איז ניט ווײַטער געלאָפֿען זאָנדערן ער האָט זיך דאָ ערגעץ וואו פֿערשטעקט, יעצט זאָגט מיר, האָט איהר איהם וואו געזעהען?

אלע 4.

צום בעפֿעהל הער קאָמענדאַנט, ניין.

שראצר.

ווייסט איהר ניט וואו ער ליגט פֿערשטעקט?

אלע 4.

צום בעפֿעהל הער קאָמענדאַנט, ניין.

שראצר.

זאָגט איהר די וואַהרהײַט?

אלע 4.

צום בעפֿעהל הער קאָמענדאַנט, יאָ!

שראַצר.

ווער זײַט איהר?

צפניה.

4 ברידער! צפניה, חנניה, אליקום, תנחומות. אַלטע אויס־געדיענטע העברעאישע סאָלדאַטען. אונזער געוועזענער גדליהו, געטרײַע וועכטער!

שראַצר.

געהערט דיעזעס הויז צום גובערנאַטאָר גדליהו?

אלע 4.

צום בעפעהל הער קאָמענדאַנט, יאָ.

שראַצר.

אַלזאָ, גובערנאַטאָר גדליהו. וועט מיר פערצײַהען, דאָס איך בין געצוואונגען אין זײַן הויז איין אונטערזוך צו מאַכען.

אלע 4.

צום בעפעהל הער קאָמענדאַנט. (שראַצר אַב).

צפניה.

ווערען זאָלסטו די כפרה הער קאָמענדאַנט, הערסט אַ פרעכהײַט, מיט וואָס פאַר איין רעכט קומט אַזאַ כאַלדעאישער מענש אין דעם הויז פון אונזער עדלען גדליהו?

חנניה.

די הערסט דאָך, עס איז איהם פערלוירען געגאַנגען איין שאַץ.

אליקום.

דער געפאַנגענער פרינץ ישמאל.

תנחומות.

אָבער ווי קומט ער דאָ אַהער?

ישמעאל.

פסט... פכט...

צפניה.

שש... הערט נור.

ישמעאל.

צפניה!

צפניה.

ווער רופט עס מײַן נאָמען, איך האָב מורא אויב דאָס איז ניט קײַן בת־קול.

ישמעאל.

וואָס מאַכט איהר אײַך נאַריש איהר אַלטע פערד.

אלע.

אַלטע־פערד!

ישמעאל:

קומט נעהנטער צום בוים.

צפניה.

צום בוים, נו קומט (בלייבען שטעהן) נון וואס שרעקט איהר אײַך, קומט מיט מיר (געהן) רייד דו בת־קול פון בוים, ביזטו אַ ריינע זאַך בעוויזט דיך ווען ניט זאָלסטו שוין פערשוואונדען ווערען.

ישמעאל.

שש... מאַכט קיין ליאַרם, איך בין עס, ישמעאל.

אלע.

ישמעאל??!!

ישמעאל.

שטיל, רעדט ניט אוים מײַן נאָמען, איך האָב מיך פערשטעקט פון די כאַלדעער.

צפניה.

דאָס האָסטו אונז נעקרייענט מיט'ן נאָמען אלטע פערד.

ישמעאל.

פערצייהעט מיר מיינע פריינד, איך בין נערוועז! קראַנק! איך ווייס ניט וואָס איך רייד פון שמערצען, איך בעט אײַך רעטעט מיר מײַן לעבען, ווען די כאַלדעער קומען ווידער צוריק, גיבט אײַך אַלע מיהע דאָס זיי זאָלען מיך ניט מעהר זוכען אין דיעזער געגענד, איהר זאָלט זיי איינרעדען דאָס איך בין ווייטער געלאָפען, רעטעט מיך, דען מײַן לעבען איז אין געפאהר ווען איך ענדעקט ווערדע דאַן בין איך פערלוירען, אונד מײַן בלוט וועט פאַלען אויף אייערע קעפּ.

צפניה.

אויף אונזערע קעפּ? וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ אָנשיקעניש? ש... מען קומט (ישמעאל אנטלויפט).

שראצר.

אומזאָנסט! דאָרט איז ער ניט דאָ, אָבער דאָך וואו איז ער פערשוואונדען?

צפניה.

הער קאָמענדאַנט! מײַנע מײנונג ווערע... איך דענקע...

שראצר.

וואָס?

צפניה.

צו בעפֿעהל הערר קאָמענדאַנט!

שראצר.

אַלזאָ וואָס גלויבסטו?

צפניה.

איך גלויב דאָס דו ווערסט איהם אין דיזער געגענד ניט געפֿינען איך דענק דאָס סאיז בעסער זאָלסט איהם זוכען דאָרט צווישען די געבירגע, דאָרט פֿערשטעקען זיך געוועהנליך די אַנטלאָפֿענע.

שראצר.

דו האָסט רעכט, אָה דער מוז מיר צוריק אין מײַנע הענד אַרײַנפֿאַלען — אַלזאָ פֿאָרווערטס! מאַרש! (אָב)

צפניה.

נעה זוך דעם געכטיגען טאָג! האַ האַ האַ (אלע לאַכען).

ישמעאל.

איך דאַנקע אײַך מײַנע פֿרײַנדע! אַך ווי מיער איך בין!

צפניה.

דענקסט היער צו בלײַבען אין גדליהו׳ס הויז — און דיך אויסרוהען ביז גדליהו וועט קומען.

ישמעאל.

וואו איז דען יעצט גדליהו?

צפניה:

מיר ערוואַרטען איהם יעדען אויגענבליק, מיר וועלען איהם עמפפאַנגען מיט דער שענסטע פאַראַדע פֿאַר זײַן גרויסען זיעג איבער די עמונים.

ישמעאל.

וואָס הער איך?

צפניה.

נעווים די מערדערישע באנדע פון עמונים פלעגען אונז יעדעס מאל איבערפאלען, אבער אונזער גובערנאטאר גדליהו האט זיך כמעט זיי שעהן אבגעגערעכנט.

ישמעאל. (פאר זיך)

די עמונים פון וועלכע איך ערווארטע הילפע, האט גדליהו געשלאגען!

צפניה.

אלזא מיינע ברידער מיר געהן, עס איז שוין די העכסטע צייט.

ישמעאל.

אמן אוינענבליק מיינע פריינדע, העלפט מיר זיך בעפרייען פון די קעטען (פראבירען רייסען). אך לאזט מיך! (פאלען) איהר ט..ט אומזאנסט מיר וועה, אך פערפלוכטער נבוכדנצר!

צפניה.

נבוכדנאצר האט איהם שוין געפענטעט אין קעטעלעך.

ישמעאל.

איהר קענט שוין געהן מיינע פריינדע איך וועל מיך שוין אויס רוהען אין גדליהו'ס הויז.

צפניה.

דו קאנסט דא זיכער בלייבען, גדליהו וועט דיך נעווים אונטער זיין שוטץ נעהמען, קומט מיינע ברידער. האבט אכט, רעכט אום, מארשירען מארש אט-אט (אב).

ישמעאל.

גדליהו וועט מיך אונטער זיין שוטץ נעהמען, אלזא דארויף בין איך איבער געקומען, האב איך צוליעב דעם מיין פאטערלאנד צו זא איינער לאגע געבראכט אום צו לעבען ווי איין בעטלער פון גדליהו'ס גנאדע? אה ניין! צדקיהו'ס ענדע וואר שרעקליך, זיינע קינדער האט דער פיינד פאר זיינע אויגען געשלאכטעט, איהם אליין בלינד געמאכט און אוועק געשיקט נאך בבל אלס געפאנגענער, און דאס אלעס האט ער מיר צו פערדאנקען, וויי ל ער האט ביי מיר מיין רעכט אוועק גערויבט, אלזא גדליהו נעם דיר אויך אין אכט אויב דו ווילסט זיין רוהיג, מיר וועלען זעהען, מיר פראפעצייהעט מיין הארץ דאס איך וועל באלד—זעהר באלד דען טראהן פאן יהודה בעשטייגען, יאה איך פיהל מיך יעצט ניי בעלעבט פון פרישען כוחה אונד קראפט, יעדעס טראפען בלוט אין מיינע אדערען רופט נאך דער קעניגליכער קרוינע, דיעזע קראפט פיהל איך מיך יעצט ווידער.

אלזאָ גוט, דער יעָצטינער מאָמענט זאָל בעשיידען, ווערדע איך אימשטאַנדע זאַן מיך יעצט פאָן דיזע קעטען צו בעפרייען איז א צייכען דאָס איך ווערדע באַלד מיין ציעל ערריייכען, אלזאָ מוטה, דו מיין גליק שטערען שטעה מיר ביי. (מוזיק שפיעלט נאָך פיעל ארבייט צורייסט ער די קעטען) ווינשע דיר גליק קעניג פון יהודה! (אָב)

ארקעסטער מאַרש.

(צערעמאָניע בעגינט ביז פאָרהאנג פאַלט).

פארהאנג.

דריטער אַקט.

(גדליהו'ס רייכער סאַלאָן).

(כאָר) מיר מעגען טרינקען זיין נור פריילך.
גדליהו אונזער רעטער איז דאָך אונזער העלד,
ביי זיין נאָמען מוזען מיר שווערען
פערניכטען צו שטערען, פערניכטען צו שטערען,
פערניכטען צו שטערען, צו שטערען האָך לעבע גדליהו! (אָב)

(אויפטריט ישמעאל).

בראַוואָ, גדליהו! בראַוואָ! דו האָסט דיך שעהן אַרויפגעארבייט, יעצט פעהלט דיר נאָך די קראָהנע און דו ביזט א גאַנצער קעניג, נון אונד איך דער פרינץ ישמעאל, דער נאַכפאָלגער פון צדקיהו, איך בין ביי איהם איין איינגעבעטענער גאַסט, איך זאָל לעבען אונטער זיין שוטץ, ניין מיין ליעבער גדליהו! ער קען ווייטער ניט זאָ געהן, איך האָבע מיין רעכט אוף די קראָהנע נאָך ניט אויפגעגעבען, אונד ווען דער פיינד גלויבט דאָס ער האָט דעם טראָהן פון יהודה צושטערט, וועל איך איין נייען טראָהן אויפבויען, קעניג מוז איך זיין, זאָ לאַנג אין דיזען קערפער נאָך איינע זעעלע פערהאַנדען איז, דאָס פאָלק הענגט אָן דיר גדליה דעסטאָ בעסער, דעסטאָ לייכטער וועט פאַר דיר זיין דו זאָלסט מיר העלפען פון טראָהן בעשטייגען, יאָ דאָס איז דיינע פפליכט! ווילסטו אָבער ניט געהאָרכען, דאַן וועה דיר, עפנע דיינע אויגען גדליהו, דו האָסט אין דיין הויז א געפעהרליכע שלאַנג אַריין גענומען!!

(אויפטריט גדליהו).

ישמעאל.

לאָז דיך אומאַרמען מיין ליעבסטער מיין טרייעסטער פריינד, איך

גריסע דיך מײַן העלר צו דײַנעם שײַנעם זיעג, ווינשע דיר גליק!

גדליהו.

איך דאַנקע דיר מײַן פרינץ, אונד איך אין מײַנער זײַט ווינשע אויך דיר גליק צו דײַנער רעטונג, איך האָפֿע בײַ נבוכדנצר אוים צו ווירקען דײַנע בעפֿרײַאונג.

ישמעאל.

איך דאַנק דיר מײַן גדליהו, איך ווײס דו בעזיצט אײַן עדלעם הערץ אונד דאַרום האָפֿע איך פֿיעל אויף דײַנע גערעכטיגקײַט.

גדליהו.

וואָס מײַנסטו דאַמיט מײַן פרינץ?

ישמעאל.

גדליהו! דו רופסט מיך נאָך יעצט פרינץ, דאָס איז נישט רעכט, יעצט בין איך ניט קײַן פרינץ זאָנדערן קעניג (מאַכט מימיק), יאָ מײַן גדליהו איך בין קעניג אונד מוז עס זײַן, אײַנמאָהל האָט מען בײַ מיר מײַן רעכט אוועקגערויבט, אַנשטאַט מיר האָט מען צדקיהו געזעצט אויף מײַן טראָהן, יעצט אָבער ווען צדקיהו איז געפֿאַלען בין איך זײַן נאַכ־פֿאָלגער, יעצט געהערט דער טראָהן מיך, יאָ מיך!!

גדליהו.

אָבער מײַן פרינץ איך פֿערשטעה דיך ניט, דו רעדסט יעצט פֿון אַ טראָהן, וועהרענד ציון איז פֿערברענט און דער טראָהן איז צושטערט.

ישמעאל.

דער טראָהן דער בין איך, וואו איך בין דאָרט איז דער טראָהן דען טראָהן מאַכען מענשען, דער קעניג אָבער דער איז פֿון גאָט געזאַלבט, וואָהין דער קעניג געהט, געהט מיט איהם מיט די קעניגליכע מאַיעס־טעט, אַזוי ווי די זעלע מיט דעם קערפּער.

גדליהו.

גאַנץ רעכט, אָבער זאָג מיר, וואו האָסטו געזעהען אַ קעניג אָהן אַ פֿאָלק, איבער וועמען אײַגענטליך ווילסטו קעניג זײַן.

ישמעאל.

מיר איז דערווײַל גענוג דאָס ביסל פֿאָלק, דיך געהאָרכען זײַ גיעב זײַ איבער מיר, און נאָך דעם די כאַלדעער וועלען זיך צוריק ציהען פֿון אונזער לאַנד, דאַן פֿערזאַמלען מיר אײַנע שטאַרקע ארמעע, מיר בויען אויף צוריק ציון, אונד בעזעצען דאָרט אונזער פֿאָלק, ירושלים׳ס מויערען

זאָלען באַלד ווידער צום הימעל אויפשטייגען, צום טראָסט פון אַלע אונזערע פריינדע.

גדליהו.

זאָ זאָל דאָס פאַלשע שפּיעל ווידער בעגינען, זאָל דאָס אַרמע פאָלק פערליערען זיין לעצטעס טראָפּען בלוט צוליעב דעם גאָלדענעם קרייגדיל וואָס דו זוכסט אויף דיין שטערען? ישמעאל! הער דען ראָסה פון איין טרייען פריינד דו ביזט דאָס לעצטע צווייגעלע פון מלכות בית דוד, שטעל דיך ניט קעגען דעם שטורם וועלכער קען דאָס לייכט צוברעכען, יאָג זיך ניט נאָך דען פאַלשען גלאַנץ, בשעת דו קאָנסט איהם ניט ערדייכען... דאָך גענוג, לאָמיר ניט רעדען מעהר דערפון, דו ביזט מיין גאַסט, גלויבט מיר איך בין דיר גוט פון הערצען איך וויל דיין ברודער זיין, אויב דו ווילסט עס אויך!

ישמעאל.

יאָ, איך וויל עס (רייכט איהם זיין האַנד) אויפס ווידערזעהען!

גדליה.

אַדיע!

ישמעאל. (פאר זיך)

איך וועל דיך פערניכטען (אב)

גדליה.

יאָ ישמעאל—איך קען דיין פאַלשעס הערץ, ניט אפילו דיעזעס אונגליק וואַר אימשטאַנדע דיך אויסצובעסערען, ניט אפילו די שרעקליכע ענדע פון דיין זינקעל צדקיהו האָט אויף דיר דען מינדעסטען איינדרוק געמאַכט, נור גליקליכער ווייזע ביזטו יעצט אונשעדליך אונד איך פירכטע קיינע הינדערניסע דער הייליגען מיסיאָן וואָס איך האָב אויף מיר גענומען, איך וויל לעבען פאַר מיינע ברידער, איך וויל פאַר די שוואַכע בעמיטלעך איין געטרייער גערטנער זיין ווי איין פאַטער זיין איינציג קינד זאָ וויל איך דיך היטען מיין געליעבטעס פאָלק ישראל.

I.

שלאָף מיין קינד אַ גליקליכען שלאָף
שלאָף איין אונטער מיין ליעד
דו ביזט נאָך יונג צופיהלען דיין שטראָף·
דערמיט וואָס דו ביזט אַ יוד.
שלאָף־זשע יודעלע שלאָף
דו וועסט דערפיהלען דיין שלאָף
שלאָף־זשע יודעלע שלאָף,
דו וועסט דערפיהלען דיין שלאָף.

II.

דו וועסט אויפוואַקסען גרויס דו וועסט קומען אין יאָהרען
אַרמוטה וועט זיין דיין געמיט,
דו וועסט שילטען דעם טאָג וואָס דו ביזט געבוירען
וואָס דו טראָגסט דעם נאָמען יוד.
שלאָף־זשע יודעלע שלאָף א. ז. וו.

III.

דו וועסט געהן אין דער וועלט אום אַ שטיקעלע ברויט
צו זוכען און ניט ווערען מיעד
דו וועסט טרעפען פערפאָלגונגען הונגער און נויט
דערפאַר וויל דו ביזט אַ יוד.
שלאָף־זשע יודעלע שלאָף א. ז. וו.

IV.

אין קיין לאַנד דיך רוהיג זיצען
לאָזען וועט מען דיך ניט
נאָר יאָגען און טרייבען, מיט דונערן בליטצען.
דערפאַר וויל דו ביזט אַ יוד.
שלאָף־זשע יודעלע שלאָף א. ז. וו.

V.

דו פּרעהסט דיך, אָט שוין די צייט מאַכט דיך גליקליך
אַכטען וועט מען דיך ווי אַלע גלייך
צום סוף שלאָגט מען דיך נאָך שטאַרקער מען ברעכט דיך אויף
שטיקלעך
אַ יוד האָט קיין ווערטה פאַר קיין זאַך.
וואַך שוין אויף יודעניו, וואַך
מעגסט ווערען מיט דיין אייגען לאַנד רייך
וואַך שוין אויף יודעניו, וואַך
אין דער היים וועלען מיר אַלע זיין גלייך.

נאָר איינס פערביטערט מיר מיין גאַנצעס לעבען, הדסה! דו גוטע
הערליכע זעעלע, וואָרום ביזטו זאָ אונבאַרמהערציג אומגעקומען? היים־
לישעס קינד, דיך קאָן איך ניט פערגעסען, איך וועל דיך ניט פערגעסען
ביז אין מיין לעצטען אויגענבליק.

(אויסגעריט צפניה).

צפניה.

גדליהו עטוואָס נייעס, אַ כאַלדעאישער אָפיציער מיט אַ גאַנצען

הויפען ווייבער שטעהען אין דרויסען, ער זאגט ער האט זיי דיר געבראכט.

גדליהו.

ווער זינד די?

צפניה.

דאס האט ער מיר ניט געזאגט, איך ווייס אויך ניט צו זענען זיי יונגע, צו אלטע ווייל זיי געהען פערשלייערט די פנימער... מיר שרעקט זיך מיין הערץ.

גדליהו.

ווארום?!

צפניה.

איך ווייס וואס איז פלוצים איין אנשיקעניש פון ווייבער.

גדליהו.

גיי געה דאך, לאז זיי אריין קומען.

צפניה.

נעבע גאט עס זאל זיין צום גוטען, איך האב זעהר מורא פאר די ווייבער (אב).

(אויפטריט א כאלדעאישער אפיציער).

אפיציער.

אין נאמען פון אונזער גרויסען הערשער נבוכדנצר קום איך צו דיר ווערנער גדליהו. מיט דיעזע פרויען, זיי זענען אלע פון דעם געוועזענעם קעניג צדקיהו'ס פאמיליע, דער קעניג נבוכדנצר האט זיך איבער זיי ערבארמט, אונד געשענקט דאס לעבען, אבער נור אונטער דיעזע בעדינגונג, דאס דו זאלסט זיי אונטער דיין שוטץ נעמען, און גאראנטירען דאס זיי וועלען זיך רוהיג פערהאלטען, און קיינע העטצען מאכען אונטער דעם פאלק, ווילסטו זיי אננעהמען איז גוט ווען ניט דאן מוז איך זיי נאך בבל אלס געפאנגענע פיהרען.

גדליהו.

איך נעהם זיי אן. (אפיציער אב)

צפניה.

ביטטע פערדעקטע פנימער קומט אריין.

(דאמען קומען אריין).

מיר זענען געקומען, דיך צו בעטען
די בעפרייאונג, פון דעם הערד
האב דאך מיטלייד, האב דאך מיטלייד.

האָב דאָך מיטלייד, האָב דאָך מיטלייד;
נעם אונז אונטער דיינעם שוטץ
מיר בעטען דיך גרויסער הערר
יאָ מיר בעטען דיך נאָך אמאָהל,
מיר זענען געפלאַגט אָן אַ צאָהל
גרויסער הערר האָב מיט אונז מיטלייד
בעפרייע אונז פון דעם פיינדס הענד.

גדליהו.

איך בעגריסע אייך עדלע פרויען, אונד ווינשע אייך גליק צו אייער רעטונג, זייט מיר אַלע הערצליך ווילקאָממען, יעצט וואָלט איהר געפּעליגסט אייערע שלייערס אָבנעהמען דאַמיט איך זאָל וויסען וועמען איך האָב דאָס גליק אין מיין הויז צו האָבען (חמוטיל דעקט אָב איהר שלייער) חמוטיל?..

צפניה.

אוי אַ גליק, נו וואָס זאָגט איהר צו דעם גליק? אַזאַ אַלטע!

חמוטיל.

אָ חמוטיל, אַלזאָ פאַר וואָס קניעסטו ניט, פאַר וואָס וואַרפסטו דיך ניט צו דער ערד פאַר דיין אַלטע קעניגין?

גדליהו.

קעניגין זייַ זיכער אַז איך וועל ניט פערגעסען דען רעספּעקט וואָס איך בין דיר שולדיג! אָבער פערצייהע מיר, דו ווייסט עס אויך אז פאַר דיין קעניגליכען זוהן צדקיהו האָב איך אויך ניט געקניעט, איך האָב אימער פעראַכטעט די אַלע זיטען פון די געצענדיענער! מיינע קניע בייג איך נאָר פאַר איינעם וועלכער זיצט דאָרט אויף דעם טראָהן אין הימעל.

חמוטיל.

יאָ, מיין פרומער גדליהו, איך קען דיך דו ביזט מיינעם קעניגליכען הויז אימער איין פיינד געוועזען, דו אונד דער פראָפּהעט ירמיהו מיט זיין גאַנצע סעקטע, איהר זענט שולדיג אין אונזער גאַנצעם אונגליק.

גדליהו (ערשטוינט).

וואָס? חמוטיל! וואָס האָסטו געזאָגט?!

צפניה.

ערגער דיך ניט גוטער גדליהו, זי ווייס דען וואָס זי רעדט, זי איז שוין עבר ובטל.

חמוטיל.

עס קרענקט דיך פון מיר די וואהרהייט צו הערען, זאג פאר וואס ביזט דו יעצט גובערנאטאר פון יהודה? ניט ווייל דו ווארכט פאלש דיין אייגענעם פאטערלאנד? ניט ווייל דו וואַרסט איין טרייער קנעכט דעם קעניג נבוכדנצר?

גדליה. (אויסער זיך)

גענוג! איך קאן ווייטער ניט הערען אהנע דאס הערץ זאל אין מיר פלאצען, וויפיעל וואונדען האט שוין דיזער קערפער בעקומען אויף די פערשידענע שלאכטפעלדער, וויפיעל מאל האב איך געריטעט דאס לעבען פון דיין זוהן צדקיהו, ווערהענד ער וואר אין פערשידענע שלאכטען? אונד וואמיט האט ער מיך בעלוינט? ער האט מיך פערשיקט צו נבוכדנצר אלס שקלאווע, מיינע עהרע אוועק גענומען ביי מיר, אונד מיך גרויזאם וועקגעריסען פון מיינע אלטע מוטער, וועלכע איז אין דען זעלבען טאג פאר שמערצען געשטארבען.

חמוטיל.

האט ער דען ניט רעכט געהאנדעלט? ווי האסטו געוואגט צו פאנגען דאס הערץ פון דעם קעניגס טאכטער? די פרינצעסין וואר בעשטימט פיר דעם קעניג פון עמון, בעלים דער קעניג פון די עמונים האט זי פערלאנגט צור פרוי אונד מיין זוהן צדקיהו האט זי איהם פערשפראכען, אבער דיר צוליעב האט זי איהר פאטער ניט געוואלט געהארכען אונד האט איהם זא איינע שאנדע געמאכט.

גדליה.

איינע שאנדע?! פערצייהע מיר קעניגען, מיר שיינט אז צדקיהו וואר ניט זא גרוים דאס גדליהו זאל פאר איהם איינע שאנדע זיין. דער טראהן פון יהודה איז ניט געוועזען אזוי גרוים, ער זאל ניט קענען געפינען א שידוך צווישען אייגענע, אויסער דעם איז ניטא קיין מיוחסים מיר זענען אלע גלייך. אבער גענוג, דו ביזט מיין גאסט, מיין גאנץ הויז שטעהט פאר דיר אפען, די ע־רפורכט וואס איך בין דיר שולדיג. יועל איך געווים ניט פערגעסען, ווייל איך טראג איהר ביי מיר אין הערצען.

צפניה.

גאט זיי דאנק, עס איז איהר שוין אויסגעגאנגען דאס לשון.

חמוטיל.

הילסטו מיר אנצייגען, וואו וועט זיין מיין געפענגניס?

גדליה.

געפענגניס?!

צפניה.

אָה, די אַלטע מכשפה!

גדליה.

קעניגין! דאָס איז דאָס איינציגע הויז וואָס איך בעזיטץ עס שטעהט דיר צו פערפיגונג, צפניה, בעגלייטע די קעניגען!

המוטיל.

איך דאַנקע, איך דאַרף קיין דיענערשאַפט, איך האָב מיין איינענע מיט מיר, פרויען! בעגלייטעט מיך (אַלע אַב).

צפניה.

קוק אָן אַביסל אַ שטאָלץ פון אַ אַלטע מכשפה.

גדליה.

ניין, מיין הדסה איז ניט אונטער דיעזע פרויען, מיין הדסה לעבט ניט מעהר?

הדסה. (ענטלאַרפט)

יאָ, זי לעבט! (לויפט צו גדליה).

גדליה.

מיינע הדסה!

הדסה.

מיין גדליהו, מיין איינציגער פריינד! (אומאַרמונג).

צפניה.

הדסה! אָה טייערע, ליעבע, גוטע, שעהנע פרינצעסין.

הדסה.

אויך דו ביזט דאָ גוטער אַלטער?

צפניה.

צו בעפעהל, צפניה לעבען האָט שכל, און נעהם דיר דעם וועג, האָבט אַכט רעכטס אום מאַרש, מאַרש (אַב).

גדליה.

איך דאַנקע דיר גוטער גאָט פיר זאָ איין גליק, יעצט שטעהסטו ווידער נעבען מיר לעבענדיג אונד פריי, אָה מיין הערץ! הדסה! ליעבעס קינד! האָסטו פיעל געליטען?

הדסה.

פרעג נים מײן פרײנד, מיר בײדע האָבען געליטען, אָבער מיר האָבען עס איבער געטראָגען, אך גדליהו וואָס פיר אײן ווילדער שטורם דאָס וואַר (ווײנט).

גדליה.

איך האָב אַלעס מיטגעפיהלט, זײַט דאַמאָלס האָב איך מײן לעבען געווידמעט דעם שארית ישראל.

הדסה.

אונד זאָ האָט אונז דאָס שיקזאַל ווידער צוזאַמען געפיהרט, נאָך זאָ אײנע שווערע שרעקליכע צײַט. גיעב מיר דײַנע האַנד גדליהו, דאָ האָב איך דיר צוריק מיט 3 יאָהר מײַן האַנד געשריבּט צום אַבשיעד ווען מײַן פאָטערס צאָרן האָט אונז געשײדעט, אונד יעצט גיב איך דיר ווידער צו זאַמען מיט מײַן הערץ פיר אימער אונד עוויג.

גדליה.

אונזער ליעבע זאָל רײַנער זײַן אַלס די פעלזען פון דעם באַרג חרמון יעצט האָב איך נאָך א שעהנעם ציעל צו לעבען פיר מײַנע ליעבע טהײַערע הדסה (אומאַרמען זיך).

ביידע. (זינגען דועט)

מיר דאַנקען דיר גאָט פעראײניגט האָבּטו ווידער צווײ טרײַע הערצער
נאָך זאָפיעל לײַדען נאָך זאָ פיעל שמערצען,
ווי גליקליך זינד מיר יעצט נאָך דעם מיר האָבען געליטען זאָפיעל,
צוזאַמען געפיהרט האָט אונז גאָט בײדע, ערריבּט איז אונזער ציעל.

גדליה. (סאָלא)

אונד שווער איך דיר יעצט ווידער אויפּסנײַ
דיר געהערט מײַן הערץ מײַן עוויגע ליעבע, מיט עוויגע טרײַע
אָה ווי גליקליך בין איך יעצט,
אײן הײליגען ציעל האָט מײַן לעבען אַצינד,
דאָס גליק פון מײַן פאָלק
אונד דײַן ליעבע, טהײַערעס קינד.

הדסה. (סאָלא)

שטיל האָט אַמאָל די ליעבע מײַן הערץ פערצעהרט
יעצט זאָגאַר אויך עס לויעט דאָס די גאַנצע וועלט עס הערט,
נור דײַנע בין איך, איך שווערע עס דיר הײליג בײַ גאָט,
עוויג טרײַ נור דיר אַלײן, עוויג טרײַ ביז צום טויט.

(בײדע ווידערהאָלען דעם דועט, אב, אויפטריט המוטיל).

חמוטיל.

אך אַ שעֶהנעֶם עֶלטעֶר, גדליהו דעֶר פֿײַנד פון מײַן הויזגעזינד איז יעֶצט מײַן הערשעֶר. מײַן לעֶבעֶן, מײַן פֿרײַהײַט, איז יעֶצט אין זײַנער האַנד וואָס וועט מײַן עֶנדע זײַן? אַלעֶס האָב איך פֿעֶרלױרעֶן, זאָגאַר הדסה מײַן אײַנציגעֶס אײגעקיל איז מיר אויך פֿרעֶמד געֶוואָרעֶן, זי איז יעֶצט ווידעֶר בײַ איהר געֶליבטעֶן אונד קימעֶרט זיך װעֶניג אום די לײַדעֶן פֿון איהר גראָסמוטעֶר, איך בין אונגליקליך!!! (אױפּטריט ישמעאל).

ישמעאל.

אָה קעֶניגין, טאַנטעֶ!

חמוטיל.

וואָס זעֶה איך ישמעאל?! מײַן טהײַערעֶר נעֶפֿעֶ, דו היער?

ישמעאל (קושט זי).

יאָ טאַנטעֶ אויך איך האָב מיך פֿון די כאַלדעֶאישע העֶנד געֶרעֶטעֶט, מײַן שיקזאַל האָט מיך צו אײַנעֶם העֶהעֶרעֶן צוועֶק בעֶשטימט אַלס שקלאַווע בײַם קעֶניג נבוכדנצר.

חמוטיל.

אך מײַן ליעֶבעֶר פּרינץ ווי פֿרײט מיר מײַן העֶרץ דיך ווידעֶר צו זעֶהעֶן מיר זעֶנעֶן צוויי שיפֿעֶן וועֶלכע האָבעֶן זיך קוים געֶרעֶטעֶט פֿון שטורמווינד.

ישמעאל.

יאָ אונזעֶר לעֶבעֶן האָבעֶן מיר געֶרעֶטעֶט, דאָס איז וואהר, אָבעֶר וואָס העֶרט מעֶן מיט אונזעֶר פֿרײַד, וואָס פֿאַר אײַן צוועֶק האָט יעֶצט אונזעֶר לעֶבעֶן, זאַגע מיר דעֶם אֶמת טאַנטעֶ, ווי פֿיהלסטו זיך יעֶצט אין גדליה'ס הויז?

חמוטיל.

דו פֿרעֶגסט נאָך!? זעֶה בעֶטראַכט מײַן וואָהנונג! איז דאָס אַ וואָהנונג פֿאַר אַ קעֶניגין? וואו איז די צאַהלרײַכע דיענעֶרשאַפֿט? וואו זעֶנעֶן די כאַלדאַטעֶן? ווי עֶס פּאַסט פֿאַר אַ קעֶניגין!

ישמעאל.

טאַנטעֶ! ווילסטו רײַכעֶן דײַן האַנד זאָ אײַנעֶם וועֶלכעֶר וועט דיך פֿון דיעזעֶן געֶפֿעֶנגניס בעֶפֿרײַעֶן, און דיך צוריק שטעֶלעֶן אין דײַן פֿריהעֶרדיגעֶן גלאַנץ!?

המוטיל.

אויב איך װיל? דאָ האָסטו מײַנע בײדע העֶנד!

ישמעאל.

דע, טאַנטע! פון הדסה'ן הענגט יעצט אַב, דאָס מיר זאָלען צוריק בעקומען דען טראָהן פון דעם קעניג דוד, אָדער מיר זאָלען בלייבען גדליהו'ס קנעכט אונזער לעבען לאַנג!

חמוטיל.

ערקלערע מיר ישמעאל, אלעס!

ישמעאל.

איך אונטערהאַנדעל אין געהיים מיט בעלים דעם קעניג פון עמון, איך האָב היינט געשפּראָכען מיט אַ שפּיאָן, ער וויל ראַכע נעמען אָן גדליה'ן פיר דער גרויס ניעדערטראַגע וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג פון איהם געטהאָן, און פערלאַנגט פון מיר איך זאָל איהם בעהילפיג זיין.

חמוטיל.

ווי זאָ בעהילפיג זיין?

ישמעאל.

ער שיקט אַהער אַ שטאַרקע אַרמעע פון עמונים, זיי וועלען ליגען פערשטעקט ניט וויט פון היער צווישען די געבירגע אונד ווען איך וועל פאַרשטעהן אַז עס איז שוין צייט עטוואָס צו טהוען. בעפעלען זיי פלוצלונג גדליה'ן און מאַכען פון איהם אַ ענדע, דאַן שלינגען מיר דאָס ביסעל כאַדעער וואָס איז נאָך היער צוריקגעבליבען, מיר נעמען אין בעזיטץ פון געגענד, אונד דער טראָהן פון קעניג דוד וועט אויפס־ניי אויף געבויעט ווערען פאַר דעם קעניג ישמעאל מיט זיינע טהייערע טאַנטע די אַלטע קעניגין צו זיין רעכטער האַנד!

חמוטיל.

נון וואָס שטעהסטו? וואָס צעגערסטו נאָך? וואָס וואַרטסטו נאָך?

ישמעאל.

נאָך איין זאַך שטעהט מיך אין וועג אין די איז הדסה.

חמוטיל.

הדסה? וואָס קימערט דיר הדסה?

ישמעאל.

בעלים דער קעניג פון עמון פערלאַנגט הדסה'ן צור פרוי אונד איך האָב זי איהם פערשפּראָכען.

חמוטיל.

אָבער ווי זאָ האָסטו איהם גענקענט פֿערשפּרעכען, ווייסטו דען ניט פֿאָן איהר ליעבע צו גדליהו?

ישמעאל.

דאַרום ווענדט איך מיך צו דיר דו זאָלסט מיר העלפֿען איבער־צורײַדען איהר.

חמוטיל.

אומזאָנסט וועט זיין אונזער מיה זי איז פֿערליעבט אין גדליהו׳ שטערבליך.

ישמעאל.

דאַן מוזען מיר איין אַנדער מיטעל געפֿינען, מיר זאָלען זי צווינגען.

חמוטיל.

צווינגען, ווי אַזוי איז דאָס מעגליך?

ישמעאל.

הער מיך אוים טאַנטע, אין דער קורצער צייט וואָס איך בין היער, האָב איך דורכשפּיאָנירט די גאַנצע געגענד ווי אויך גדליהו׳ס הויז, דאָרט אין יענער זייט שטעהט אַ קליין צימערל אָהנע פֿענסטער, איין אויסגע־צייכענט קערקערל פֿאַר זאָ איין אייניקיל וועלכע וויל ניט פֿאָלגען איין גראָסמוטער, אַלזאָ ווען זי בלייבט האַרטנעקיג שלעפּען מיר זי דאָרטהין אין יענעם קערקעריל, מיר האַלטען זי דאָרט זאָ לאַנג איינגעשפּאַרט ביז עס וועט קומען די ריכטיגע צייט עטוואַס צו טוהען.

חמוטיל.

שטיל, זי קומט! (אויפֿטריט הדסה).

ישמעאל.

מײַן האָכגעשעצטע ליעבע קוזינע, זײַ מיר הערצליך ווילקאָממען.

הדסה.

גדליהו האָט מיר שוין דערצעהלט פֿון דיר, עס פֿרייט מיך דיך ווידער צו זעהען געראָטעט אונד פֿריי.

ישמעאל.

איך האָב עבען יעצט געשפּראָכען מיט דײַן גראָסמוטער, אינזער אַלטע קעניגין, וויר זינד צו איבערצײַגונג געקאָמען דאָס ניט אומזאָנסט האָט אונז גאָט געלאָזט לעבען, ניט אומזאָנסט האָט אונז אינזער גליק־שטערען צוזאַמען געפֿיהרט, דאָס איז אַ צייכען דאָס באַלד זעהר באַלד

מוזען מיר ווידער צוריק קומען צו אונזער פֿריהערינגען לאַנץ, איז דאָס ניט אויך דיינע מיינונג הדסה?

הדסה.

ניין, ווארום יאָלסטו דיך טרייסטען מיט פֿאַלשע האָפֿנונג? צו וואָס נוצט דיר דאָס פֿאַנטאַזירען? דאָס פֿערגיפֿטעט נור דאָס בלוט אין דיינע אָדערן, איבעריגענס מיט מיר רעד נישט מעהר פֿון פֿריהערינגען גלאַנץ איך קימער מיך זעהר וועניג דאַרום.

ישמעאל.

הדסה! איך וויל מיט דיר יעצט רעדען פֿון דיר אַליין, גלויב מיר יעדער וועלכער זעהט דיין העלדענס געשטאַלט, דיינע פֿייעריגע בליקען מיט איינעם וואָרט, דיין גאַנצעס וועזען, יעדער מוז צוגעבען דאָס דו ביזט נאָר דאַצו געשאַפֿען, אום צו זיצען אויף דען טראָהן פֿאָן איינעם גרויסען מעכטיגען פֿירשטען, וועלכער זאָל זיינע קראָהנע אויף דיין קאָפּף אויף-זעצען, פֿאַר דיר זאָלען קניען די גרעסטע הערן דעם לאַנדעס, דאָס פֿאָלק זאָל זיך פֿיר דיינע פֿיסע ווערפֿען, דו זאָלסט...

הדסה.

האַלט איין! וואָס ווילסטו? זאָג עס מיר קורץ, וואָס ווילסטו?

ישמעאל.

דיך גליקליך מאַכען, בעליס קעניג פֿון עמון וויל דיך צו זיינע קעניגין מאַכען, ער האָט עס פֿון מיר פֿערלאַנגט און איך האָב עס איהם פֿערשפּראָכען.

הדסה.

אונד מיט וועלכען רעכט?!

ישמעאל.

וויל יעצט בין איך דאָס הויפּט פֿון אונזער פֿאַמיליע.

חמוטיל.

געוויס מיין קינד, ער האָט רעכט, קום אַהער מיין קינד, קום צו דיינע געטרייע גראָססמוטער, איך וויל דיר געבען מיין זעגען (וויל זי בענטשען).

הדסה.

לאָז מיך צופֿריעדען מיט דיין זעגען!

חמוטיל.

דו איבערגעקעהרטעס קינד! ווילסטו ווידער פֿון דיר פֿערשטויסען דיין גליק?

ישמעאל.

הדסה! דו ביסט אַלע מאָל געווען זאָ ערעלמוטהיג, זאָ גוטהערציג, זעה, מיר ביטען דיך מיט טרעהרען אין די אויגען. מיר זענען פערלאָזען, מיר זענען בעדעקט מיט שטויב און אש, מיר זענען אין אונזער אייגען לאַנד ווי אַנטלאָפּענע, מיר עסען דאָס ברויט פון אונזערע פיינד, אָבער חען דו ערסט קעניגין פון עמון, ווערסטו אונז רעטען פון אונזער עלענד און נויטה.

הדסה.

שוויג! קיין וואָרט מעהר פון עמון, וואָס? פון דיעזען אבשייליכען טיראַן, ערוואַרטעסט דו הילפע? דיעזען ווילדען מענשענפרעסער ווילסטו מאַכען פאַר א פּאַסטוך איבער אונזער לעצט בּיסעלע שעפעלעך? ווערט ער דען נים פון זיי ארונטערריסען די וואָהל צוזאמען מיט די הויט? פריי זיין אונד גליקליך לעבען קענט איהר נור אונטער דען שוטץ פון אונזער ערעלמוטהיגען אונד גוטהערציגען גובערנאטאָר גדליהו!

חמוטיל.

גדליהו, און גדליהו, און ווידער גדליהו! ווען דו ווילסט נישט געהאָרכען דיינע גראָססמוטער. זאָ געהאָרכע דען בעפעהל פון דער קעניגין, איך בעפעהלע, אַז איהם נישט מעהר צו דענקען.

הדסה.

זאָ חייס האָט אייך די איינבילדונג פערפיהרט, דער טראַהן איז צובראָכען, פאַרברענט, דער ווינד האָט איהר אַש צושפּרייט אויף אַלע 4 זייטען אונד דאָך יאָגט איהר נאָך דעם שאָטען און צוליעב דיעזען שאָטען ווילט איהר אייערע קינדער אָפּפערען? ניין, אזא קעניגין העד איך נים!

חמוטיל.

איך האָב עס פריהער געוואוסט!

ישמעאל.

לאָז מאַנטע, יעצט לאָז מיך אויך מיט איהר א פּאָר וואָרטען רייּדען זיהע הדסה (ווייזט דעם שווערד) בעטראַכט דיעזען שווערד, פרובּיר זיינע שאַרפּע שפּיצע.

הדסה (ערשראָקען).

וואָס איז דאָס? און וואָס ווילסטו טהוען?

ישמעאל.

מים דיעזען שווערד וועל איך גדליהו׳ס הערץ דורכבאָהרען.

הדסה (שרייט).

וואָס?! דאָס?! דאָס ווילסטו טהון?!

ישמעאל.

און ווען דו צווייפעלסט נאך דאראן, זא שווערע איך ביי דער קרוין פון קעניג דוד, דו האסט מיך אימער צו נארען געהאלטען דו האסט דיך אימער איבער מיר לוסטיג געמאכט, יעצט ענדליך זאלסטו מיך קענען לערנען, דיך איבערצייגען דאס פאר מיין טראהן קעמפף איך זא מוטהיג ווי א לייב, אונד גרויזאם ווי א טיגער.

הדסה.

ניין, ניט א לייב ביזטו, זאנדערן א פאלשע שלויע קאטצע, ניט א טיגער, נור א בלוט־דורסטיגער וואלף, אונמענש! זא בעלאהנסטו דיין וואהלטהעטער, וועלכער האט דיך אוים מיטלייד אין זיין הויז אריינגענומען, פאר זיין גוטהערציגקייט, ווילסטו איהם מיט מארד בעצאהלען?!

ישמעאל.

קיין שרייען און קיין שימפפען ווירד דיר יעצט העלפען, אין דיין האנד ליגט יעצט דאס לעבען פון דיין גדליהו, ווילסטו אונז פאלגען און געבען דיינע האנד דעם קעניג פון עמון, זאל גדליהו לעבען בלייבען, ווען אבער ניט, וועל איך זיין קאפ צו דיינע פיס לעגען, יעצט וועהל, בעווייז וועמען דו ליעבסט בעסער דיך אדער איהם?!

הדסה.

אה בארמהערציגער גאט! ווארום בין איך ניט ליעבער אויך געפאלען צוזאמען מיט דיעזע מויזענדע פון מיינע שוועסטער אונד ברידער?! (קניעט) האט מיטלייד, ערבארמט אייך אויף מיר, וואס פאר א שרעכטעס האב איך אייך געטהון. פאר וואס ווילט איהר מיך פערקויפען? אבער ניט נור מיך, אייך אליין פערקויפט איהר אויך פיר נידריגע שקלאווען צו די ווילדע עמונים, איהר פערקויפט דאס ארמע אונגליקליכע פאלק פון יהודה! אך גראסמוטער! ישמעאל! בעדענקט, איבערלייגט אייער עהרגייץ וואס פערבלענדעט אייערע אויגען, אה וועה! וואס ווילט איהר מהון?! (וויינט)

ישמעאל.

וואס איך האב צו מהון ווייס איך גאנץ גוט, אהנע דיך אום א עצה צו פרעגען, איך פערלאנג אנטווארט, ווילסטו דיין האנד רייכען דעם קעניג פון עמון, אדער ניין? די צייט איז קורץ, ענטשיידע!..

הדסה (שפרינגט אויף).

וואס איז דא צו ענטשיידען? ווען אלע מיינע נערווען שרייען, ניין, ווען יעדעס טראפפען בלוט אין מיינע אדערן שרייט ניין. ווי קענען מיינע ליפפען אויסריידען יא?! ענטשיידונג ווילט איהר פון מיר הערען? זא הערט: ניין! און טויזענד מאל ניין!

חמושיל.

איך האָב עס פריהער געוואוסט!

ישמעאל.

זעהר גוט, יעצט געה און איבערלעג עס דיר קאַלטבלוטיגער (זי געהט צום טהיר) וואָהין? ניט דאָ איז דיין וועג! האָלסטו אונז פאַר קינדער? גלויבסטו דאָס מיר וועלען דיך פריי לאָזען, דו זאָלסט דיינעם געליעבטען אַלעס ערצעהלען? דאָרטהין געה, אין אַ פינסטערען קערקער איינגעשפּאַרט זאָלסטו אין יורעק זאָ לאַנג בלייבען ביז דיין הייס ליעבענדעס הערץ. ווירד זאָ קאַלט ווערען ווי אייז, יעצט געה!

הדסה.

הילפע! הילפע!

ישמעאל.

אומזאָנסט איז דיין געשריי, ניעמאַנד הערט דיך (ראַנגלען זיך). אויפטריט גדליהו.

גדליהו.

האַלט!

הדסה (לויפט צו איהם).

מיין גדליהו! מיין רעטטער!

ישמעאל.

גנאַדע!

גדליהו. (איראָניש)

גנאַדע, וואָס, דו ביטעסט אום גנאַדע, דו גרויסער מאַן פון קעניגליכען שטאַם, דו קאָנסט זיך זאָ וויים ערנידריגען אונד קניען פאַר אַ איינפאַכען אונטערטהאַן! טפוי, ווי שענדליך! אונד זאָ איינער יאָגט זיך נאָך אַ קראָהנע? דו ווילסט קעניג זיין און בעשיצען אַ פאָלק, ווערענד דו אַליין ציטערסט פאַר דעם טוידט ווי איין אַלטעס ווייב (האַלט זיין זעבעל אַנטקעגען) רעכט וואָלט געווען דאָס איך זאָל דיר יעצט דיין פאַלשעס הערץ דורכבויערען מיט דעם זעלבען שווערד מיט וועלכען דו האָסט געוואָרט מיין לעבען נעמען, אָבער ניין, מיין האַנד זאָל קיין בלוט פערגיסען, זאָל ניעמאַנד זאָגען, דאָס גדליהו האָט דאַרום ישמעאל'ן געטויטעט אום זיינע הערשאַפט צו זיכערען, דער נאָמען גדליהו זאָל בלייבען ריין אונבעפלעקט, איך שענקע דיר דאָס לעבען, נאָר אונטער מיין שוטץ ביזטו ניט מעהר, און ווען דו ווירסט ווידער פאַן די כאלדעער געפאַנגען, זאָ איז עס דיינע אייגענע שולד. דו אַלטע, בלייבסט היער מיינע געפאַנגענע, קיין שריט מאַכסטו מעהר אָהנע וואַכע (ישמעאל פאַקט אַ שווערד גדליה אויך, פעכטען זיך ישמעאל פערליערט, ביטעט אום גנאַדע). געה!

פארהאנג.

פִּיעֶרְטֶער אַקְט.

צ פ נ י ה. (מיט די 4 ברידער אין וואלד).

ברִידער! זאָלען מִיר דעם הײַנטיגען פרײַדען־טאָג נִיט בעטריבען מִיט טרויעריגע געדאַנקען, גאָט וועט אונז נִיט פערלאָזען, 20 שטעדט האָט מען אונז ערלױבט ווידער אויפצובויען, אונזער לאַנד ווערט ווידער לעבעדיג, און מִיר וועלען איהר ווידער זעהן אין פריהערדיגען גלאַנץ. נִיט אמת, מײַנע ברודער?

I.

גְעלִיטען אָהן א צאָהל — האָט אונזער פאָלק ישראל
פאַר זײַנע שווערע זינד — געשטראָפט האָט גאָט זײַן געליבטעס קינד.
די צײַט קומט שוין באַלד ווידער
דאָס אונזערע פרומע ברודער
וועלען זינגען הײליגע לידער אין בית־המקדש פרײַ
כהנים און פראָפעטען — וועלען פאַר אונז בעטען
לויים מִיט טראָמפּעטען — וועלען שפִּיעלען אויפסנײַ.
הללויה, זינגט מִיט חשק איהר יודעלעך
גרויס איז אונזער גאָט, א גאָט!
הללויה זינגט פאַר איהם פרומע יודעלעך,
שרײַט אלע אין איינעם אחד אחר!

II.

אונזער פאָלק בעפרײַט, דאָס בית־המקדש בענײַט
מִיט פראַכט און גלאַנץ ווי פריהער העלף גאָט, דערלעבען
זאָלען דאָס מִיר.
אונזער לאַנד וועט ווידער גלאַנצען
מִיט בלומען און מִיט קראַנצען
פרײַען זיך און טאַנצען, וועלען מִיר אָהן א צאָהל
און לויים׳ליך די יונגען, וועלען ווידער זינגען
די הארפען וועלען ווידער צוקלינגען ווי א מאָל
הללויה א. ז. וו. (טאַנצען ארוים. פערוואַנדלונג).

(אין בית הסקדש. כהנים, לויים, מיליטער קניען. גדליהו און הדסת שטעהען אויף א טראָהן אין דער כהן־גדול גיעבט דען זעגען).

באר. (זינגט) אונזער געבעט פערנעהם גאָט
בעשיצען מעגסטו גדליהו׳ן — בעשיצען מעגסטו איהם

תּים איהם אָב — פֿון שאַנד און שפּאָט

מיט דיין היילינע האַנד, העלף גאָט איהם.

דיך ריענען מיר גרויסער גאָט—דיין קראַפֿט איז איבעראַל,

דיין קראַפֿט, דיין קראַפֿט, איז איבעראַל

נעהם אונזער געבעט צו, בענטש פֿון אויבען אונזער מיה.

ישמעאל לויפֿט אריין מיט עמונים ווערכע פֿאַנגען הדסה'ן און פֿעריאָגען

די יודען, ישמעאל ערמאָרדעט גדליהון, (אלע אָב).

גדליהו.

אוים איז מיט מיר, מיינע קרעפֿטען שווינדען, לעבע וואָהל מיין הדסה! לעבע וואָהל מיין ליעב פֿאָלק! לעבע וואָהל מיין היליג לאַנד! מיין הדסה לעבע וואָהל! (אויפֿטריט ישמעאל מיט עמונים).

ישמעאל.

ווי שעהן איז דער זיעג, יעצט ענדליך האָב איך מיין ציעל ערריכט... דאָ ליגט ער דער שעהנער העלד טוידט פֿון מיין שווערד, זאָ אַ ענדע וועלען אַלע האָבען, וועלכע וועלען ווידערשפּעניגען געגען דעם קעניג ישמעאל! יעצט ברענגט מיר אהער די פּרינצעסין הדסה! יעדענפֿאַלס איז ער מיט אַ שעהנעם טוידט געשטאָרבען! איין העלדען-טויט! (אויפֿטרים הדסה).

איינער.

האָך לעבע הדסה, די קעניגין פֿון עמון! הידד!

ישמעאל.

זאָ מיינע ליעבע קוזינע מיט אַ פֿריידען-געשריי וועט באַלד דאָס פֿאָלק בעגלייטען צום טראָהן פֿון עמון, וועהרענד היער וועט ווידער אויפֿשטייגען דער טראָהן פֿון קעניג דויד, קום הדסה צו דיין העלד וועלכער וועט דיך פֿיהרען צו דיין געקרוינטען הערשער!

הדסה.

אוועק! בעריהר מיך ניט! דיינע הענד דאַמפֿפֿען נאָך פֿון בלוט, וואו בין איך? איז דאָס ניט גדליהו'ס הויז? וואו איז גדליה מיין מאַן? האָסטו איהם ערמאָרדעט? ישמעאל! האָסטו איהם ערמאָרדעט? אויף דיין שטירנע זעה איך ברענען דאָס צייכען פֿון דעם מערדער קין...

ישמעאל.

בערוהיג דיך ליעבעס קינד! עס בלייבט דיר יעצט קיין אַנדערער אויסוועג, נור אַלס קעניגין פֿון עמון צו ווערען, אָדער ווילסטו נעהן ווי איינע בעטלערין פֿון טיהר צו טיהר אַ שטיקעל ברויט און אַ נאַכט-לעגער פֿיר דיר בעטען? פֿערגעס אַלע רומהייטען פֿאָלג מיין ראטה און זיי גליקליך.

הדסה.

וואו איז גדליהו? ווילסטו מיר ענדליך אַנטוואָרטען? גיעב מיר צוריק מיין גדליהון! מיט איהם וועל איך בעטען געהן, האָט איהם דיין שווערד פערוואונדעט? איך וועל איהם היילען, מיט מיינע ליפּען וועל איך אָבוואַשען זיין רינענדעס בלוט, מיט מיין האַנד איהם פערשטעלען זיינע וואונדען, האָט איהם דיין שווערד בלינד געמאַכט? נו, וואָרום שוויינסטו?! זאָג וואָס האָסטו מיט איהם געמאַכט? וואו איז מיין גדליהו?!

ישמעאל.

ווען דו ביזט זאָ האַרטנעקיג, זאָ איבערצייגע דיך, דאָס דו האָסט ניט מעהר צו האָפּען שוין היער! היער איזט דיין גדליהו!.. (מעלאָדראַמע)

הדסה.

אַך! ניין, ניין עס איז ניט מעגליך, עס קען ניט זיין, גדליהו ערוואַכע, עפען דיינע אויגען, דיין פאָלק רופט דיך! דיין הדסה רופט דיך! אָך, מיין גדליהו איז טויט!.. און דאָס האָבטו געטהון, דער ווילדסטער הײדער וואָלט דאָך ניט געהאַט דאָס האַרץ צו פערגיסען דאָס בלוט פון זאָ איין העלדענמוטהיגען העלד. דו שלאַנג אין מענשענגעשטאַלט! געה און שלעפּ דיך אַרום! וואַנדער פון לאַנד צו לאַנד! און פינדע גאָרניט, און ווען דו פינדעסט יאָ, זאָל עס דיר אום דיינע הענד פאַלען, וואו דו וועסט געהן זאָלען דיך די בלוטיגע גייסטער פערפאָלגען, וועלכע דו האָבסט ערמאָרדעט אָהן אויפהערען זאָלען זיי דיך יאָגען פון אָרט צו אָרט, דו זאָלסט דעם טויט זוכען און ניט געפינען, לעב! לעב! אין שרעק, אַנגסט און פלוך!

ישמעאל.

מיין געדולד איז שוין צו ענדע! אונבעזאָנענע! ווייסטו דען ניט דאָס איך ווערדע דיך צווינגען מיט געוואַלד!! קום!!!...

הדסה.

האַלט! ניט פון דער שטעלע! זאָנסט רייס איך אַרויס פון דיר דיין נידערטרעכטיגעס הערץ, אונד צטרעט עס מיט מיינע פיס, אָבוואָהל דיין פערפלוכטער קערפּער האָט ניט די ווירדע צו בעריהרען דען פלאַץ וואו דיעזער הייליגער ליגט, גלויבסטו דאָס איך וויל נאָך זעהען די זאָננע נאָך דעם דיעזע אויגען זעהען ניט מעהר? מיינסטו איך וויל נאָך אָטהעמען, ווען דיעזע ברוסט האָט אויפגעהערט צו אָטהעמען?.. היער בין איך מיין גדליהו! דיינע בין איך! דיינע טרייע הדסה געהט מיט דיר אויך נאָך דעם טוידט, איך קאָם צו דיר! (שטעכט זיך).

ישמעאל.

האַלט איין! האָ דו שרעק.יכעס וועזען!

הדסה.

יעצט איז מיר גוט, איך בין ווידער צוזאמען מיט מיין גדליהו!
איך דאנק דיר גאט! (שטארבט).

ישמעאל. (וויטהענד)

דאס איז שרעקליך! זא א ענדע האב איך ניט ערווארטעט!

אפיציער.

ליידער האט די גאנצע זאכע יעצט איינע אנדערע ווענדונג גענומען,
שאדע אום דאס פערגאסענע בלוט!!!

ישמעאל.

וואס זאגסטו? און מיין פערשפראכענע קראהנע?!!

אפיציער.

דו בעקאמסט זי דאן, ווען די פרינצעסין הדסה ווירד ווידער
לעבענדיג ווערען (שטורם, שלאכט).

פארהאנג.

פינפטער אקט.

(שטעלט פאר דעם כותל מערבי)

ירמיהו. (זיצט)

אה וויין און יאמער מיין אונגליקליך פאלק ישראל, פערלוירען האסטו דיין לעצטען בעשיצער, פערלוירען האסטו אלעס, אלעס, יעצט ערשט איז אונזער חורבן פאלשטענדיג. גדליהו אונזער עדלער העלד! דו געטרייער הירט, אויף ווען האסטו צוריק-געלאזען די ארעמע שעפע-לעך, יא. יענער טאג זאל א עוויגער טרויעריגער בלייבען, איין פאסט טאג צום אנדענקען אן אונזער אויסגעלאשענעם שטערען, יענער טאג זאל הייסען צום-גדליהו. (זינגט):

I.

איכה — ווי אזוי בין איך געבליבען איינד,
קלאגט בת-ציון מיט געוויין
פאר וואס מיין גאט האסטו אזוי ביטער געשטראפט דיין קינד?
פאר וואס איז איהם אזוי געשעהען?

געשלאָגען דיך האָסטו אַליין, אוי כיא דיין איינציגער האַנד
דער גרעסטער שונא ביזטו נאָר געווען, אוי דיין איינגען פאַטערלאַנד
גיס מיט טרעהרען—זאָלסט ניט אויפהערען
אויף דיין חורבן וואס דיר איז געשעהן,
אוי קלאָג און וויין,
אוי קלאָג און וויין, אין דיין אונגליק שולדיג ביזטו נור אליין.

II.

איכה וואו איז מיין שעהנהייט און שטאָלץ פון פריהער?
קלאָג ישראל און ברעך די הענד
זעה מיין גאָט ווי דער פיינד איז זיך נוקם אן מיר
פערוויסט איז אַלעס, צושטערט פערברענט.
—אַליין דו שלעכטער זוהן
מיין בית־המקדש האָסטו פערברענט
אויסגעלאָשען דאָס ליכט פון ציון
האָסטו אַליין מיט דיינע הענד
האָסט געגזלט געראַבט
דיין ברודערס בלוט אומזאָנסט פערגאָסען
דורך שנאת חנם איז בלוט געפלאָסען
אין דיין אונגליק שולדיג ביזטו נור אליין.

III.

איכה ווי איין אַלמנה וויינט און קלאָגט
ירושלים די שטאָלצע שטאָדט
איהר איינציג קינד האָט א פרעמדער אַרויס־געיאָגט
און זיי בעראַבט פון אלע איהר גוטס
געדענק מיין גאָט, געדענק דיין קינד,
אוי לאָז מיך ניט ווערען צו שאַנד
האָסט מיך געשלאָגען וועה אונד ווינד,
אוי גאָט נעמנוג רייך מיר דיין האַנד
השיבנו חדש ימינו
איך וועל שוין ניט זינדיגען, אוי ניין!
זעה מיינע טרעהרען, מיין געוויין
מיר העלפען ווידער קענסטו נור אליין
נור דו מיין גאָט, נור דו אליין (אב, מעלאדראמא).

אויפטריט ישמעאל משוגע.

ישמעאל.

אָט איז דער ריכטיגער פלאַץ, דאָ זאָל מיינע קרעהנונג שטאָט־

פינדען! קניעט אלע נידער!.. זא, זא, יעצט געהט עס לאז (טוהט אן די קראָהנע) איך האב מײן ציעל ערראַיכט, ענדליך בין איך קעניג, יעצט שרייט אלע מיט מיר: עס לעבע ישמעאל דער קעניג פון ישראל! וואס?! איהר שווײגט?!! (ערנסט) וואו זענען זיי הינגעקומען? אלעס מיט איינמאל פערשוואונדען, וואו זענט איהר מיינע טרײע סאָלדאַטען? וואו? וואו?!.. (ציטערט) אה א גערויש, מען קומט (עס בעווייזען זיך סקעלעטען מיט געשריי) איהר זייט עס, איהר שרעקליכע גײסטער? איהר קומט שוין ווידער מיך זא אונבאַרמהערציג צו מאַטערן?! וועק! וועק! איך קאן דיעזע שרעקליכע קוואַהלען ניט מעהר אויסהאַלטען! אה ווי עס רוישט, ווי עס שטורמט! וואוהין זאל איך לויפען?! גענוג!.. גענוג!.. איך קען ניט מעהר אויסהאַלטען, מיטלייד! ערבאַרמונג! נעמט מיר מײן לעבען, איך גיב אייך עס גערן! ניין! איהר ווילט ניט?! איהר ווילט מיך לעבענדיג בעגראַבען (סקעלעטען פערשווינדען, שרייט, פאַלט).

אויפטריט צפניה מיט די ברידער.

צפניה.

פון דאנען קומט דאס יאַמערגעשריי, ווער זאל דאס זיין? (ערבליקט ישמעאל) זעהט נור מיינע ברודער, דא ליגט דער טייערער שאַך. וועלכען מיר זוכען שוין זא איין לאַנגע צייט! הע יונגע! אין זא איינע לאַגע זעה איך דיך ווידער? זא טרעפט גאָטעס שטראַפע איינעם נאָך'ן אַנדערען! די אַלטע חמוטיל איז פאַר שרעק אויף די געבירגע גע־אָפּען, אונד פון א הויכען פעלזען אַרונטער געפאַלען, הייטע מאָרגענס האב איך זי געפונדען צערשמעטערט! אונד דיעזען העלדען, שוין נור אין מיינע ברידער, ווער עס ווינשט אונז שלעכטעס זאל קומען אויף זיין לאַגע.

ישמעאל.

אה, איהר זייט עס מיינע בראַווע סאָלדאַטען???!

צפניה.

וואס? דיינע בראַווע סאָלדאַטען?! וועמען רופסטו בראַווע סאָלדאַטען? (לויפט מיט'ן שווערד) דאך ניין! דיעזע שווערד וועלכע האט געשטריטען פיר גדליהו, זאל ניט בעריהרען דיין שענדליכען מערדערישען קערפער! גדליהו הערסטו דיעזען נאָמען? מערדער! אה ווי ער ציטערט! זעהט ווי ער בייגט זיך צוזאַמען, ניין, איך דאַרף איהם ניט בעשטראַפען, זיין שטראָף איז שוין אין זיין האַרצען.

ישמעאל.

גוטע מענשען! הערט מיך אויס! איך ענטזאַגע מיך פון דאס קעניגרייך!

צפניה. (לאַכט)

ווירקליך? אונד דו מיינסט עס ערנסט? הערט ברידער א גוטסקייט פון איין קעניג!

ישמעאל.

היער לעגע איך צו אייערע פיסע מיינע קראָהנע (לייגט) נור איינע זאַכע ביטע איך איך, האט מיטלייד מיט מיר, נעמט מיר דאס לעבען. איך ביטע איך.

צפניה.

מיינע ברידער! ווער פון איך וויל דורך-שטעכען דאס הערץ פון דיזען ארמען זינדער?

אלע.

איך נישט.

צפניה.

גאָט האט גערכטעט! געה ווייטער און קום אויף אנדערע הענד.

ישמעאל.

זאָ ציטערט איהר פאלשע קנעכט!

צפניה.

וואס?!

ישמעאל.

ציטערט פאר אייער מעכטיגען קע... אָה נייַן, נייַן, רעטעט מיך, זעהט אָט קומען זיי שוין ווידער.

צפניה.

ווער קומט?

ישמעאל.

די שרעקליכע גייסטער, זיי פערפאָלגען מיך שוין ווידער, איך בעט איך לאָסט ניט, מען רייסט מיר שוין ווידער מיין קערפער! לאָסט ניט העלפט מיר! ח ח ח (אב).

צפניה.

גאָט איז גערעכט! און ער איז משוגע!

(אויפטריט ירמיהו).

ירמיהו.

נָפְלָה עֲטֶרֶת ראֹשֵׁינוּ אוי נָא לָנוּ כִּי חָטָאנוּ! גאָט איז מיט איך מיינע קינדער!

צפניה.

הײליגער פראָפעט! מיר זענען צו דיר געקומען! זאָלסט אונז זאָגען דען וועג אין וועלכען מיר זאָלען געהען און וואָס מיר זאָלען טהון! מיר זענען אַלע בערייט נאָך עגיפּטען אויסצוּוואַנדערען, דאַרפען מיר דאָס?

ירמיהו.

בעהיטע אייך גאָט מײַנע קינדער פון זאָלכע געדאַנקען, פעדערבען און אונטערגאַנגען. דאָס ערוואַרטעט אײַך אין עגיפּטען, ווער עס וועט פערלאָזען דיעזע הײליגע ערד, דער וועט ניכט מעהר דערלעבען זי ווידער צו זעהען, בלײַבט! בלײַבט אין דיעזעם הײליגעם לאַנד! אין נאָמען פון אונזער גאָט רײדע איך יעצט צו דיר מײַן פאָלק: (אַלע קניען).

„באַלד קומט די צײַט און איך ווערדע צוברעכען דעם יאָך וואָס דו טראָגסט אויף דײַן האַלז. צורײַסען די קעטען מיט וועלכע מען האָט דיר דײַנע הענד געבונדען, פערוויסטען וועל איך באַבילאָן, ווערה וועט זײַן צו דיר נבוכדנצר! ציטערט איהר כאַלדעער! איהר פײַניגער פון מײַן קינד, אײַן מעכטיגען פײַנד וועל איך איבער אײַך ברענגען! און וועל אײַך פערשעלטען פאַר אַלעם בעזען וואָס איהר האָט געטהון מײַן הײליג ציון, קום צוריק צו מיר מײַן פאָלק! איך האָב דיך ליעב מיט אײביגע ליעבע. אזוי זאָגט דײַן הער, דײַן גאָט"! (מען הערט זינגען אין טעמפּעל)?

כאר.

לויבט גאָט אונזער הערן, עוויג זענען זײַנע גנאַדע! הללויה!

ירמיהו (קניעט).

איך זעה ווידער ציון אין פריהערינגען גלאַנץ, דאָס הײליגע הויז פון גאָט איז ווידער אויף געבויעט! קומט מײַנע ברודער! (אַלע אָב, כאָר זינגט אין טעמפּעל).

פארהאנג פאלט.